STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04121

TSVISHN HAMER UN SERP

Szmerke Kaczerginski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קאַטשערגינסקי

צווישן האמער און סערפּ

(צו דער געשיכטע פון דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־רוסלאַנד)

צווייטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע

פ אַ ר ל אַ ג

ד ע ר א מ ת

בוענאָס איירעס 1950

יאָר פונעם באַפרייער גענעראַל סאַן מאַרטין

די פאָטאָגראַפיעס פון די שרייבערס זיינען גענומען געוואָרן
פון ז. רייזענס לעקסיקאָן.

די ערשטע אויפלאַגע איז דערשינען אין פּאַריז,
אין יאָר 1949.

באַשטעלונגען און קאָרעספּאָנדענץ שרייבן לויטן אַדרעס:

I. LIPSKI
Arismendi 2986
Buenos Aires — Argentina

„ווען מיר קענען אַ ווײַלע אָװעקרײַסן אונ־דזער בליק פונעם היטלער־חורבן, וועלן מיר קענען דערזען די גאָר באַזונדער׳ע טראַגעדיע פונעם נײַעם חורבן הינטערן אײַזערנעם פאָר־האַנג...

מיר האָבן אין דער יידישער געשיכטע געהאַט משומדים, אַנטיסעמיטן און אַנטי־יידישע כוחות פון יידישן אָפּשטאַם מכל המינים. אָבער אַן אָרגאַניזירטן אינעווייניקסטן כוח, וואָס לעבט אין אונדזער בריטער עפנטלעכקייט, בלויז מיטן זכות פון אַקטיוון זיך אײַנשטעלן לטובת סימפּאַ־טישע באַציאונגען צו די דורכפירער פון אַן אומגעהויערן יידישן חורבן, — דאָס איז עפּעס נײַעס אין אונדזער גאַנצער היסטאָרישער דער־פאַרונג...״

(לייבוש לעהרער, „אידישער קעמפער״,
פסח, 1950)

דאָס יידישע וואָרט וועט לעבן אייביק

(צו דער צווייטער פאַרגרעסערטער אויפלאַגע)

דאָס אומגלויבלעכע: די ליקווידאציע פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן אין סאָוועטן־רוסלאַנד, איז נאָך אַלץ אַ רעטעניש פאַר דער גאָרער וועלט. וויפל מען זאָל זיך אָבער איבער דעם נישט חקרענען, וואָס פאַר אַ סיבות מען זאָל ניט וועלן אויסגעפינען, איז איין זאַך ליידער קלאָר, — די סאָוועטישע רעגירונג האָט אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן, אַזוי ווי דאָס ווערט געטאָן אין אַנדערע פאַלן, פאַרענדיקט פאַרניכטן דאָס ביסל אייגנאַרטיקייט פון אירע מיליאָנען יידישע בירגער.

עס זיינען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די תפיסות און לאַגערן צוזאַמען מיט דעם יידישן גערעדטן, געזונגענעם און געדרוקטן וואָרט אויך די גרויסע שעפער פון אָט די הייליקע ווערטן אונדזערע.

מיר האָפן און מיר זיינען זיכער, אז אזוי ווי עס איז נאָך ביז אַהער קיינעם ניט געלונגען אַזאַ רוצחישן ציל, וועט אויך דאָס מאָל דאָס יידישע וואָרט אַרויסגעראַטעוועט ווערן פון די סאָ־וועטישע תפיסות און לאַגערן. מיר קענען אָבער ליידער דאָס זעל־ביקע ניט זאָגן וועגן די שרייבער, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טוער, וועלכע שמאַכטן דאָרט אין די פאַרשיקונגען. ווער ווייס, ווער פון זיי עס וועט נאָך וועזן זען די פרייע וועלט. זיי, די מאַרטירער פון פיל געפּרוווטן יידישן וואָרט און געדאַנק — אונדזער ברידערלעכן גרוס און טיפסטן מיטלייד.

עס איז ליקווידירט געוואָרן „דער עמעס" אין סאָוועטן־רוסלאַנד, דער א מ ת קען אָבער ניט פֿאַרניכטעט ווערן. מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי וואָס מער בירגער אין דער וועלט און בפרט יידן, זאָלן דעם אמת וויסן.

די ערשטע אויפלאַגע פון ש. קאַטשערגינסקיס „צווישן האַמער און סערפּ" איז גיך פאַרשפּרייט געוואָרן. זיינען מיר צופרידן צו קענען דרוקן אַ צווייטע, אַ פאַרגרעסערטע (אין טעקסט, פאָטאָגראַ־פיעס און פאַטאָסטאַטן פון וויכטיקע דאָקומענטן) אויפלאַגע און דער־מיט צו קענען דינען אונדזער ציל.

אויסדריקנדיק אונדזער דאַנק דעם פריינט מענדל אַבזאַץ וואָס האָט געהאָלפן אין דער דערשיינונג פון דער צווייטער אויפלאַגע, האָפן מיר, אז עס וועלן זיך געפינען גענוג מענטשן וואָס וועלן אויך ברענגען זייער צושטייער מיט דעם, וואָס זיי וועלן די אויס־גאַבעס פון אונדזער פארלאג העלפן וואָס מער פּאָפּולאַריזירן צווישן דעם ברייטסטן יידישן מאסן־לייענער.

אַט די אמת־טרעגער — אונדזער פּאַרויסיקן יישר כוח!

פאַרלאַג ד ע ר א מ ת

בוענאָס איירעס, סעפּטעמבער 1950.

די געשיכטע, ווי אזוי די סאָוועטישע רעגירונג האָט מיט די פאַרשיידנסטע אויסטערלישע מיטלען אומגעבראַכט די יידישע קולטור און אירע שעפער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט נאָך געשריבן ווערן. די וועלט, און די י י ד י ש ע בפרט, קען נאָך אַלץ נישט תופס זיין די דאָזיקע אכזריות. מען געפינט זיך נאָך ווי אין אַ הינערפּלעט. ס'איז נאָך שווער פאַר אַנדערע דאָס צו באַנעמען, אָבער צום גליק, כאָטש אַביסל שפּעטלעך, דרינגט שוין אריין צו די יידן אין גאָר דער פרייער וועלט (די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין די „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" ווייסן דאָס שוין געגנוג פון אייגענער דערפאַרונג) דער באַוואוסטזיין, אַז קיין אויס־לייזונג פאַר יידן, ווי פאַר אַלע בירגער אין דער וועלט, איז פון דער באָלשעוויסטישער רעגירונגס־סיסטעם ניט צו דערוואַרטן.

די לעצטע געשעענישן בנוגע דעם יידישן ישוב אין ראַטן־פאַרבאַנד (דאָס ארעסטירן די יידישע שרייבער און דאָס ליקווידירן די רעשטלעך פון דער יידישער קולטור־טע־טיקייט), צו וואָס איך וועל נאָך שפּעטער באריכות זיך אומקערן, האָבן דערוויזן, אַז וואו נאָר די סאָוועטן קומען — ק ו מ ט א ו י ך א ו ם די יידישע קולטור. און אויב עס קומט אום די יידישע קולטור, איז שוין במילא קלאָר, אַז די יידן, וואָס דאַרפן געניסן פון דער קולטור, ווערן ווי אַ

נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט פאַרשוואונדן. פאַרשוואונדן גייס־טיק און אויך פיזיש. וועל איך, ווי געזאָגט, זיך איצט פאַר־נעמען מיט שרייבן די געשיכטע פון אָט דער אכזריות. ניט איך בין באַרופן צו דעם, און ניט איך האָב די נייטיקע מאַטעריאַלן דערצו. איך וועל אָבער ברענגען דאָ פאַרן יידישן לייענער און פאַר דעם היסטאָריקער וויכטיקע פּרטים צו אָט דער גרויזאַמער געשיכטע, מיט וועלכער איך בין גאַנץ גענוי באַקאַנט.

איך ברענג דאָ אַ ריי פאַקטן פון יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. מיט די געבראַכטע פאַקטן און גע־שעענישן בין איך אַליין זייער גוט באַקאַנט. אָפט זיי אַליין דורכגעמאַכט אָדער צוגעזען. די ווייטער געבראַכטע געשעע־נישן קומען פאַר דער עיקר אין מיין היימשטאָט ווילנע. דאָס איז אָבער אַ גענויע אָפּשפּיגלונג פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט יאָרן צוריק און די לעצטע צייט אויפן גאַנצן שטח פון ראַטן־פאַרבאַנד. כמעט אַזוי קומט אויך פאָר איצט מיט די יידישע ישובים אין די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס".

איך האַלט פאַר אַ הייליקן חוב פאַר דער יידישער גע־שיכטע און פאַר די יידן פון מיין דור וועגן דעם צו דער־ציילן.

און געבענטשט וועלן זיין יענע, וואָס האָבן נאָך וואָס צו דערציילן וועגן דעם און וועלן מייןביישפּיל נאָכטאָן און פאַרשרייבן.

⁂

נייע באַגריפֿן

די פאַרגאַנגענע מלחמה האָט ניט נאָר געשאַפֿן אַ שפּאָר ביסל נייע ווערטער אין דער מענטשלעכער שפּראַך, נאָר האָט אויך איבערגעדרייט קאַפּויער און אריינגעגעבן אַן אַנדער אינהאַלט אין אַ ל ט ע ווערטער. דער יידישער ווי־סנשאַפטלער ד״ר נחמן בלומענטאַל האָט אפילו ארויסגעגעבן צו דער געשיכטע פֿון אָט דער ווערטער־פאַרוואַנדלונג אַ גאַנצן בוך (אין פּויליש א״נ „סלאָווא ניעווינגע״ — אומ־שולדיקע ווערטער), וואו ער באַווייזט ווי אַזוי די נאַציס האָבן אונטער דער מאַסקע פֿון אין גאַנצן אומשולדיקע ווער־טער, באַקאַנטע אין דער פּשוטער טאָג־טעגלעכער אומגאַנגס־שפּראַך, באַהאַלטן זייערע מאָרד־ און פאַרניכטונגס־באַפֿעלן.

לאָמיר נעמען ווי אַ ביישפּיל דאָס אומשולדיקע וואָרט ל י ק ו י ד א צ י ע. פֿאַר דער מלחמה איז דאָס געווען אַ גאַנגבאַר וואָרט צווישן סוחרים (ליקווידירן געשעפטן, פֿאַבריקן); אין סיכסוכים (ליקווידירן אַ סיכסוך אד״גל). האָט זיך ווער געקענט פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ בוכהאַלטעריש וואָרט זאָל פאַרוואַנדלט ווערן גאָר אין אַן אַנדער באַטייט? האָט זיך ווער געקענט פֿאָרשטעלן, אַז עס וועט קומען אַזאַ צייט און ביים אויסריידן דאָס וואָרט — וועט מען דערזען פֿאַר זיך ימען בלוט, מענטשלעכע קרבנות, אויסמאָרדונג פֿון ישובים, פֿון פֿעלקער? אַז „ליקווידירן די געטאָ״ — האָט געהייסן פּשוט אויסמאָרדן דאָרט די יידן; אַז „ליקווידאַציע פֿון לאַגער״ — האָט געהייסן פּשוט, אַז די געפֿאַנגענע דאָרט ווערן אויסגעמאָרדעט, פֿאַרגאַזט אָדער פֿאַרברענט?

קענען וואָס זאָג איך דאָס אַלץ?

כדי די לייענער זאָלן וויסן, אַז דאָס וואָרט „ליקווידאַ־ציע" אין טיטל פון מיין טעמע, איז ניט צופעליק. ווייל — פאַר דער געשיכטע פון פאָלק איז כמעט ווי ניט וויכטיק צי מיליאָנען פון זיינע זין און טעכטער זיינען אומגעקומען פיזיש, אָדער זיי זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן אויף אַן אַנ־דער אופן (זיך אַסימילירט, געשמדט אד"גל). איןביידע פאַלן פעלט אין חשבון די צאָל.

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן מיינע אַמפּערייען אין ווילנער געטאָ מיט דעם נביא פון געטאָ, זעליק קאַלמאַנאָ־וויטש ע"ה: ער האָט כסדר געטענהט, אַז פאַרן יידישן פאָלק איז אין גרונט גענומען אַלץ איינס צי די יידן זיינען אומ־געקומען ביי די דייטשן, צי די יידן לעבן אין ראַטן־פאַר־באַנד. פאַרן יידישן פאָלק, האָט דער געלערנטער געזאָגט, וועלן די לעבעדיקע ווי די טויטע שוין אין צאָליקן חשבון ניט אַריינגערעכנט ווערן.

אויב זעליק קאַלמאַנאָוויטש האָט עס (ווי נאָך אַנדערע זאַכן) פאַרויסגעזען, האָב איך, אַ פּשוטער ייד, געדאַרפט דורכלעבן די געטאָ, שפּעטער די וועלדער, און נאָך שפּע־טער זיין אַ פּאָר יאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד, כדי צו קומען צו דער זעלבער מסקנא.

און די מסקנא הייסט: ליקווידאַציע.

עס איז בלויז טרויעריק פאַר דעם היינטיקן געשיכטלער און סתם גוטן ייד, וועלכער האָט געמיינט (און זיכער מיינען נאָך אַנדערע אויך היינט), אַז פון וועמען, פון וועמען, אָבער פון דער ראַטן־רעגירונג האָט מען זיכער צו דער־

ווארטן ניט קיין ליקווידאַציע פון דאָרטיקן ישוב, נאָר אַ פונאַנדערבלי.

עס איז געווים טרויעריק, וואָס דאָס וואָרט „ליקווידאַציע", ווי עס האָבן עס פאַרשטאַנען די נאַצים, ווערט פונקט אַזוי פאַרשטאַנען פון סאָוועטישן רעזשים.

עס איז טרויעריק, אויב ניט נאָך מ ע ר ווי טרויעריק. ליידער ווייזן די פאַקטן, מיט וועלכע מיר וועלן שפּעטער דאָס אילוסטרירן, אַז מיר האָבן קיין טעות ניט.

אמת, דאָ איז עס אַ ביסעלע איידעלער. דאָ קומט פאָר דאָס דערשטיקן בנשיקה. עס ווערט ניט דערלאָזן, אַז פעדערן זאָלן חס ושלום פאַרפליען ערגעץ צו ווייט. אָבער דער רעזולטאַט איז:

דעם יידישן פאָלק וועלן פעלן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויב ד ע ר סיסטעם זאָל דאָרט לענגער אָנהאַלטן. די יידן וועלן מ ו ז ן פאַרשווינדן.

ניט לייכט איז מיר געווען, ווי געזאָגט, דעם דאָזיקן שווידערלעכן אמת צו דערגיין.

איך האָב אַ מאָל געזאָגט אין אַן ענגערער סביבה צווישן שרייבער: עס וואָלט מיר ניט אַזוי וויי געטאָן, ווען מען וואָלט מיר אַמפּוטירט אַ גליד פון מיין קערפּער, ווי עס טוט מיר וויי מיין נשמה פון דעם אמת, וואָס איך האָב זיך, אין לויף פון עטלעכע יאָר, דערוואוסט, זייענדיק אין ראַטן־פאַרבאַנד.

עס טוט מיר וויי, אָבער איך בין גליקלעך, וואָס דער אמת איז דאָך אַרויסגעקומען, כאָטש אין דער נשמה איז געבליבן אַ וואונד, וואָס קען שוין קיין מאָל ניט פאַרהיילט

ווערן. א וואונד אויף דעם אָרט פון 15־יאָריקן גלויבן אין אמת, יושר און גערעכטיקייט, מיט וואָס מען האָט א באַ־דייטנדיקן טייל פון דער יידישער יוגנט פאַרזיכערט, אז דאָס קומט נ אָ ר פון ראַטן־פאַרבאַנד.

ווייל איך ניט ריידן איצט וועגן טויזנטער אַנדערע ווייכטיקע פּראָבלעמען, וועגן לעבן אין ראַטן־פאַרבאַנד בכלל און וועגן יידן בפרט. איך וויל דאָ נאָר, ווי געזאָגט, אילוסט־רירנדיק מיט א ריי ווייכטיקע, פּערזענלעך דורכגעלעבטע פאַקטן אין משך פון עטלעכע יאָר, אויפווייזן די לייענער, אז די ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור (אריינגע־רעכנט, פאַרשטייט זיך די העברעאישע, ווי דאָס רעליגיעזע לעבן א״אנד), וואָס הייסט אויך במילא פון יידישן ישוב אין ראַטן־פאַרבאַנד, האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן א סך פריער ווי מען מיינט. אז דער ערעסט פון די ווייכטיקסטע שריי־בער איצט אין מאָסקווע, קיעוו אאז״וו און דאָס ניט דער־לאָזן צו דרוקן קיין יידיש אות אד״גל איז ניט קיין צופעל־ליקייט און ניט קיין שטראָף פאַר ספּעציעלן נאַציאָנאַליזם אָדער... קאָסמאָפּאָליטיזם. די אָ סיבות האָבן בלויז פאַר־גיכערט דעם סוף, וואָס וואָלט סיי ווי געקומען א ביסל שפּעטער.

און דאָס געזאָגטע וועט באַשטעטיקט ווערן פאַר יעדער לייענער מיט דעם, וואָס איך וועל ווייטער דערציילן.

פאַר דער מלחמה...

ניט געקוקט אויף דעם, וואָס דער רעזשים אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן איז געווען א רעאַקציאָנערער, דאָך אָנער־

קענען אלע אָן אויסנאַם, אויך קאָמוניסטן, אַז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן און בפרט דאָס יידישע קולטור־לעבן אין אלע געביטן (ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט אד"גל) האָט כסדר געהאַלטן אין וואַקסן. אמת, מען האָט געהאַט גוואַלדיקע שוועריקייטן און שטערונגען מצד די מאַכטהאָבערס, אָבער די עקשנות פון יידישן טוער האָט גובר געווען. כמעט דער גאַנצער יידישער ישוב אין פוילן איז געווען אריינגעטאָן אין גורלדיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. די שטערונגען פון דער מאַכט האָבן אַרויסגערופן ביי די יידן (ווי בכלל ביי אלע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן) אַ באַרעכטיקטע שנאה, וואָס האָט גערופן צו זיין פאַרעקשנ־טער אין קאַמף. גלייכצייטיק מיט דעם האָבן זיך פאַראַנ־קערט ביי אונדז אין די הערצער די טרייסטנדיקע, דערמו־טיקנדיקע ווערטער פון יושר, פון סאָציאַלער און נאַציאָ־נאַלער גערעכטיקייט, מיט וועלכע עס זיינען געקומען צו אונדז די לעגאַלע, האַלבלעגאַלע צי אומלעגאַלע סאָציאַליס־טישע פּאַרטייען.

זייער שטאַרק האָט זיך אָנגענומען, ספּעציעל ביי יידן, די פּראָפּאַגאַנדע פון די קאָמוניסטן.

— לאָמיר קעמפן פאַר אַזאַ אָרדענונג ווי ס׳איז אין ראַטן־פאַרבאַנד — האָבן זיי כסדר געשריען — וועלן מיר לעבן ווי פרייע מענטשן, ווי פרייע יידן. וועט דאַן זיך פריי קענען אַנטוויקלען אונדזער יידישע נאַציאָנאַלע קולטור.

און מען האָט אונדז דערציילט מעשיות וועגן הונדער־טער יידישע שולן, יידישע צייטונגען, זשורנאַלן, ביכער,

טעאַטערן, קלובן, וועגן לערנען זיך פריי אד"גל. דער קאַמף האָט זיך אָזש פון דעם פאַרדרייט.

איז דען א חידוש, וואָס די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך אַזוי אָנגענומען ביי אַ גרויסן טייל פון דער יידישער יוגנט און אינטעליגענץ?

איז דען א חידוש, וואָס הונדערטער און אפשר טויזנטער פון זיי זיינען געזעסן פאַר אָט די אידעאַלן אין די פוילישע תפיסות?

איך דערמאָן זיך, אַז אין דער צייט, ווען מיר איז אויסגעקומען צו זיצן אין ווילנער לוקישקער תפיסה, האָבן מיר אויך ד אָ ר ט ן פאַרגעזעצט דעם קאַמף פאַר אָט די אידעאַלן. אויך דאָרטן האָבן די אַרעסטאַנטן געשריבן און אַרויסגעגעבן געהיים יידישע זשורנאַלן און געשריבן לידער און דערציילונגען אין יידיש (זשירמאַן, סמאָליאַר, איך א"אנד).

די ליבשאַפט צום לאַנד פון יידישער קולטור־פרייהייט (און טאַקע לויטן סאָציאַליסטישן נוסח) האָט פאַר אונדז פאַרדעקט אַלע שאָטן־זייטן, וועלכע אַנדערע צדדים האָבן אונדז אויפגעוויזן.

ווען טויזנטער יונגע יידן האָבן אין 1934 געשוואַרצט די גרענעץ און זיינען אַריבער אין לאַנד פון זייער טרוים, אין ראַטן־פאַרבאַנד, און ווען מיר, אין פוילן, האָבן דערנאָך באַקומען פון זיי בריוו פון די דאָרטיקע קאָנצענטראַציע־לאַגערן (סאָראָוו א"אנד) וואו מען האָט זיי גאָר אַריינגעוואָרפן, אַז זיי גייען אויס פון הונגער, אַז מען האַלט זיי פאַר... שפּיאָנען, אַז זיי קומען א ו ם אײנציקווייז, —

האָבן מיר, אין פּוילן, נאָך אַלץ דאָס אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, ניט געוואָלט הערן:

— אָ, מסתמא טאַטנס קינדערלעך — האָט ניט איינער געזאָגט — עס פעלט זיי געוויס די מאַמעלע, וואָס טוט אַלץ פאַר זיי...

אָבער טראָפּנס ספקות זיינען אריין אין דער נשמה. כסדרדיקע טראָפּנס: פון די בריוו, פון די פּראָצעסן, פון אונדזערע לערער משה קולבאַק און מאַקס עריק, וועמען מען האָט דאָרט אַרעסטירט. פון מיינע חברים פון „יונג־ווילנע״ הענעך סאָלאָווייטשיק און דוד לאַפּקאָווסקי, וועלכע האָבן געהאַט דעם זעלבן סוף. און פון נאָך און נאָך.

אָבער דער כסדר וואַקסנדיקער אַנטיסעמיטיזם אין פּוילן, די רעאַקציאָנערע פּראָ־היטלעריסטישע מעשים פון דער רעגירונג האָט כסדר ווי געשלאָגן אין קאָפּ אריין:

— האַלט זיך. ווער ניט צוזאַמענגעבראָכן, באַקעמף קודם כל דעם פאַשיזם. ווער קען וויסן, וואָס עס קומט באמת פאָר אין ראַטן־פאַרבאַנד.

מיר האָבן געוואָלט ראַטעווען אונדזערע גלייביקע נשמות, האָבן מיר אַליין געזוכט פאַרשיידענע תרוצים צו פאַרענטפערן אָט די כסדר מערערע ספקות.

דעם גרעסטן זעץ אין אונדזער גאַנצן דענקען האָט אונדז צום סוף געגעבן דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך.

מיר זיינען אַרומגעגאַנגען ווי מבולבלע, ווי וואַנזיניקע. מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע אין די אויגן ניט געקענט קוקן. מיר פלעגן טעג ניט רוען און נעכט ניט שלאָפן. פאַרהאַרטעוועטע חברים מיינע, וועלכע האָבן אויסגעהאָדע־

וועט זייערע יונגנטיאַרן אין די תפיסות, האָבן יאָמערלעך געוויינט: ווי קען דאָס זיין? ווי קען דאָס זיין? ניט איינער איז דאָך געווען זיכער, אַז היטלער וועט ניט וואגן אָנצו־פאַלן אויף פּוילן אָדער אויף אַן אנדער לאַנד, אויב דער ראטן־פארבאנד וועט נאָר זאָגן זיין דעצידירט וואָרט.

און אָט אַזאַ שווידערלעכע ידיעה.

ס'איז אָבער ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן. דייטש־לאַנד פאַלט אָן אויף פּוילן, ווילנע ווערט באַלד באָמבאַר־דירט. און צו דער גרויסער פרייד פון דער צעטומלטער יידישער באַפעלקערונג זאָגט אָן דער ראַדיאָ, אַז די רויטע ארמיי האָט אריבערגעמארשירט די פּוילישע גרענעץ און גייט אויף פּוילן.

קומט, הייסט עס, די באַפרייונג. דער לאַנגיאָריקער חלום זאָל פארווירקלעכט ווערן. און כאָטש עס זיינען געווען אַזוי פיל ספיקות, אַזוי פיל וואונדן אויף דער נשמה, איז דאָס אַלץ ווי מיט אַ פלעווע פארצויגן געוואָרן אין אָנבליק פון דער אָנקומענדיקער רויטער ארמיי, וועלכע האָט דאָך באַדאַרפט באַפרייען ניט נאָר אונדזערע גופים, נאָר אויך אויסלייזן אונדזער לאַנגיאָריק געקאָוועטן גייסט.

ס'איז שווער צו פאַרשטיין

אין דער צווייטער העלפט פון חודש סעפטעמבער 1939 איז די רויטע ארמיי אריין אין ווילנע.

די פּוילישע האַלב־דעמאָקראַטישע צייטונג „קוריער ווי־לענסקי" האָט, ווארעם באַגריסנדיק די רויטע ארמיי, איר געוואונטשן, אַז זי זאָל וואָס גיכער פארטרייבן די נאַציס פון

דער פוילישער ערד. דער יידישער „ווילנער טאָג״, וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען דער באַוואוסטער שרייבער און פילאָלאָג זלמן רייזען, א צייטונג, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי א ראַדיקאַלע און אַפילע פּראָסאָוועטישע, איז אַרויס מיט א ריזיקן קאָפּ, אַז „די יידישע ווילנע באַגריסט פייערלעך די באַפרייערישע רויטע אַרמיי!״ די גאַנצע צייטונג איז פול געווען מיט לויב־געזאַנגען פאַר דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ענדלעך האָט זיך דאָס האַרץ צעעפנט. די פעדער האָט גע־קענט אויסגיסן אויפן פּאַפּיר אַלע חלומות, וואָס זיינען געוואָרן וואָר.

די אַדמיניסטראַציע פון „טאָג״ שיקט אַרויס א סך צייטונגס־פאַרשפּרייטער אין גאַס. דער אָנגעפּראַפּטער עולם אויף די גאַסן רייסט ממש פון די הענט די צייטונגען.

און אין די מיטאָג־שעהען, ווען די באַגייסטערטע יידישע דרוקער גרייטן צו אין דער דרוקעריי (אויף דער פויזנער געסל נומער 1) דעם קומענדיקן נומער פון דער צייטונג, דערזעען די אַרבעטער צו זייער גרויסער איבעראַשונג סאָ־וועטישע מיליטער־פּאָליציי פאַר זייערע פענצטער.

„ס׳האָט מיר מיט א מאָל א זעץ געטאָן אין האַרצן — האָט מיר דערנאָך דערציילט איינער פון די זעצער — ס׳האָט זיך מיר מיט א מאָל דערמאָנט די פוילישע פּאָליציי, וועלכע פלעגט אָפט קומען אהער קאָנפיסקירן די צייטונג. נאָר דאָס איז דאָך אַלץ געווען... האָב איך א טראַכט גע־טאָן און ווייטער זיך גענומען אַרבעטן. און תוך כדי טראַכטן — די אַרמיי־פּאָליציי איז שוין אינעווייניק! זיי צעשיטן זיך גיך איבער די קליינע צימערלעך פון דער רעדאַקציע,

אַדמיניסטראַציע און דרוקעריי. עס גייט אַריין צו אונדז אַ בלאַסער דער אַדמיניסטראַטאָר וואָלאָזשין און מעלדעט אונדז, אַז מיר זאָלן איבעררייסן די אַרבעט און גיין אַהיים!״

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש דער „ווילנער טאָג״ האָט אַזוי געליבט די רויטע אַרמיי, איז די צייטונג קאָנפיסקירט געוואָרן.

— אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געקומען דערנאָך אַן ענטפער — עקזיסטירט ניט אַזאַ זאַך, אַז פּריוואַטע מענטשן צי אַ געזעלשאַפט זאָל אַרויסגעבן אַ צייטונג.

ס׳איז ניט געווען אייגנטלעך קיין איבעראַשונג. מען האָט עס געוואוסט, אָבער מען איז געווען זיכער, אַז דער „ווילנער טאָג״, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַ פּראָסאָ־וועטישע צייטונג, וועט ביי דער נייער רעגירונג גלייך איינ־געגלידערט ווערן אין יידיש־סאָוועטישן צייטונגס־וועזן. האָט מען זיך געוואָלט טרייסטן און מען האָט זיך אַליין געפּרואווט איבערצייגן, אַז אויב דער „ווילנער טאָג״ וועט ניט דערשיינען, וועט במשך פון עטלעכע טעג אַרויסגעגעבן ווערן אַ צווייטע צייטונג פאַר דער גרויסער יידישער באַ־פעלקערונג. האָט מען מיט אומגעדולד געוואַרט. די זשור־נאַליסטן פון די איבעריקע יידישע צייטונגען („צייט״, „אָוונט־קוריער״, „ראַדיאָ״), וועלכע האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען ביים אָנקום פון די סאָוועטן, האָבן געוואַרט... די דרוקער־אַרבעטער האָבן געוואַרט, דער יידישער לייע־נער...

איז אַוועק איין וואָך, אַ צווייטע. עס האָט אָנגעהויבן

דערשיינען אַ פּוילישע צייטונג, אַ רוסישע צייטונג. קיין יידישע אַלץ נאָך ניט. יידן זיינען אַרומגעגאַנגען דענערווירטע. סטייטש ווי קען דאָס זיין, ווי איז דאָס מעגלעך? מער פון אַלעמען האָט עס געוויטיקט די יידישע קאָמוניסטן און זייערע סימפּאַטיקער. זיי האָבן דאָך געהאַט פריער צוגעזאָגט, און זיכער אין דעם אַליין געגלויבט, אַז ווי נאָר די סאָוועטן־מאַכט וועט הערשן אַנשטאָט דער פּוילישער, וועט זיך ערשט ד אַ ן די יידישע קולטור פונאַנדערבליִען!

די אַרעסטן פון זלמן רייזען, יוסף טשערניכאָוו א״אַנד

דאָס וואָס די סאָוועטישע מאַכט האָט ניט דערלויבט קיין איין יידישע אויסגאַבע, אין דער צייט, ווען צייטונגען אויף פּויליש און רוסיש זיינען יאָ דערלויבט געוואָרן, האָט ווי געזאָגט, אָנגעפילט מיט זאָרג און ווייטיק אַלע יידן פון דער סאָוועטישער ווילנע. אָבער ווי אַ דונער אין מיטן העלן טאָג האָט געטראָפן אַלע יידן אין שטאָט, ווען צו די זאָרגן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז איינער פון די חשובסטע יידן פון דער יידישער וועלט, דער שריפטשטעלער ז ל מ ן ר יי ז ע ן, איז אַרעסטירט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט.

פאַר וואָס? פאַר וואָס?

— סטייטש, האָבן יידן ניט געקענט פאַרשטיין, זלמן רייזען איז דאָך געווען באַוואוסט ווי אַ ראַדיקאַלער טוער, האָט שטענדיק ווי דער רעדאַקטאָר פון „ווילנער טאָג” דורכגעלאָזן אַלע ידיעות און אַרטיקלען (אַליין אָפט געשריבענע)

פּאָזיטיווע צו די סאָוועטן און צו דער פאַרפאָלגטער קאָמו־ניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן! ער איז דאָך געווען אפילו איינער פון די אָנגעזעענסטע איקוף־טוער, און איקוף איז דאָך געווען כמעט ווי אַן אומלעגאַלע באַוועגונג אין פּוילן! ער האָט דאָך געשטיצט דעם איקוף־קאָנגרעס אין פּאַריז.

וואָס טוט זיך דאָ?

און מיט אַ מאָל אַ צווייטע ידיעה: מען האָט אַרעסטירט אַ צווייטן איקוף־טוער, דעם באַרימטן אַדוואָקאַט, פּובלי־ציסט און דעמאָקראַטישן טוער י ו ס ף ט ש ע ר נ י־כ אָ ו.

פאַר וואָס? פאַר וואָס?

סטייטש, האָבן יידן ניט געקענט פאַרשטיין, טשערני־כאָוו איז דאָך פון דעסט וועגן געווען באַקאַנט, ווי דער הויפּט־פּאַרטייידיקער פון די קאָמוניסטן אין די פּאָליטישע פּראָצעסן... אָבער איידער נאָך מען האָט געוואָלט שטעלן נ אָ ך אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע פראַגעס, זיינען אָנ־געקומען פרישע ידיעות, אויף וועלכע קיינער האָט זיך שוין, אויב אַזוי, ניט געקענט חידושן: מען האָט אַרעסטירט דעם פּועלי־ציון־טוער, דעם זשורנאַליסט א. צינצינאַטוס, מען האָט אַרעסטירט דעם קאָמיטעט פון „בונד" (אַ נ נ אַ ר אָ ז ע נ ט א ל, אַדוואָקאַט ט יי ט ע ל, י. ז ש ע־ל ע ז נ י ק אָ ו א"אנד)... דעם באַקאַנטן פּראָפעסיאָ־נעלן און רעוואָלוציאָנערן טוער ח יי ם וו א ל ט און נאָך אַנדערע.

רייזענס און טשערניכאָווס פרויען האָבן אָפּגעהאַקט אַלע טאָג די טירן פון דער נקוו"ד, אָבער מען האָט אפילו

ניט געוואָלט ענטפערן. פרוי טשערניכאָוו איז אפילו צוליב צו פיל דאָקוטשען די סאָוועטן־באאמטע אויך אַרעסטירט געוואָרן. אויך דער זון פון זלמן רייזען, ש א ו ל, און דער זון פון טשערניכאָוון, מ י כ א ל, ווערן ארעסטירט.

וואָס טוט זיך דאָ? וואָס טוט זיך דאָ?

מען האָט ניט געקענט דערגיין ווו זיי זיצן. אין ווילנע, אָדער ערגעץ אַנדערשוואו ארויסגעשיקט. ווי פארשוואונדן פון דער וועלט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז די רייזענס און טשערניכאָווס זיינען אריבערגעשיקט געוואָרן אין דער אַלט־ווילייקער תפיסה. פארשטייט זיך, אַז מען האָט זיי דאָרטן געהאַלטן אָפּגעזונדערט. דער שפּעטער אומגעקומענער קאָר־בילניקער ייד גילמאַן, וועלכער איז געזעסן מיט טשערני־כאָוון אין איין קאַמער, האָט מיר דערציילט, אַז טשערני־כאָוון האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער פארגעבן אַן אויפ־גאַבע צו שרייבן די געשיכטע פון די יידן אין פוילן צווישןביידע מלחמות און צו שרייבן אַן אָפּשאַצונג וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. אין דער צייט ווען אַלע ארעסטאַנטן האָבן מורא געהאַט, מען זאָל זיי ניט ארויסשיקן קיין סי־ביר, האָט טשערניכאָוו, נאָכדעם ווי ער איז פארמשפּט גע־וואָרן אויף אכט יאָר תפיסה, כסדר געוואָלט, מען זאָל אים תיכף פארשיקן וואָס טיפער אין רוסלאַנד, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז בקרוב וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן דייטשלאַנד און רוסלאַנד און אַז די דייטשן וועלן גלייך אָקופּירן די אָקופּירטע דורך די סאָוועטן פּוילישע ערד. זיין נבואה איז אָבער מקוים געוואָרן, נאָך איידער

מען האָט אים פאַרשיקט. די נאַצים זיינען אָנגעפאַלן אויף רוסלאַנד. די אַרעסטאַנטן פון ווילייקער תּפיסה ווערן גע־טריבן צו פוס טיפער אין רוסלאַנד, אויפן וועג ווערן די אַרעסטירטע, וועלכע קענען ניט נאָכהאַלטן דעם מאַרש, דורך די נקוו״דיסטן דערשאָסן. טשערניכאָוו, אַ ייד איבער די פופציק, פּראָוווט מיט אַלע כּוחות נאָכהאַלטן דעם מאַרש, אָבער די כּוחות האַלטן ניט נאָך. ביי באָריסאָוו ווערט ער מערדערלעך אומגעבראַכט פון דער סאָוועטישער וואַך און דערמיט ווערט פאַרענדיקט דאָס לעבן פון איינעם פון די אינטערעסאַנטסטע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער און פּוב־ליציסטן (האָט אַ סך געשריבן אויך אונטערן נאָמען י. ד נ י א ל י). מער פּרטים וועגן זיין לעבן און טויט האָבן מיר דערציילט צוויי אַרעסטאַנטן, וועלכע האָבן אַלץ דאָס געזען (צווישן זיי איינער אַ קאָמוניסט, וועלכן טשער־ניכאָוו האָט פאַרטיידיקט אין פּוילישן געריכט און וועלכער איז דורך די באָלשעוויקעס אין ווילנע אַרעסטירט געוואָרן ווי אַ טראָצקיסט און איז נאָך 9 יאָר אָפּזיצן אין סאָוועטישער פאַרשיקונג געשיקט געוואָרן איצט אין פּוילן אויף „אַרבעט״). טשערניכאָווס פרוי, וועלכע האָט באַוויזן, אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה, זיך אַרויסצודרייען פון תּפיסה, איז שפּעטער אומגעקומען דורך די נאַצים. זיין זון, דער יונגער געלערנטער מיכאל, איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף 5 יאָר תּפיסה און איז נאָכן אָפּקומען דעם טערמין ווידער אַרעסטירט געוואָרן און זיצט ווייטער, הגם אָפיציעל האָט מען אַלע פּוילישע בירגער, אפילו די אַרעסטירטע פון רוס־

לאַנד, געדאַרפֿט באַפֿרייען כּדי זיי זאָלן קענען פֿאָרן צו זיך אין היימלאַנד.

ווייניק פּרטים האָט זיך איינגעגעבן צו דערוויסן זיך וועגן זלמן רייזענען, איך ווייס בלויז פֿון דעם, וואָס עס האָט דערציילט איינער אַ ביאַליסטאָקער תּפֿיסה־וועכטער, דאָן אַ יידישער שרייבער־אָנפֿאַנגער (לעבט איצט), וועלכער האָט געאַרבעט אַ צייט אין ווילנע, אַז ער האָט אין ביאַליס־טאָקער תּפֿיסה אין 1940 געזען זלמן רייזענען דורכגייענדיק דורכן תּפֿיסה־קאָרידאָר, רייזען איז געווען אַ ביסל פֿאַר־וואַקסן בלאַס און טרויעריק. נאָכדעם האָט מען אים אַרי־בערגעשיקט אין ווילייקער תּפֿיסה.

דאָרטיקע אַרעסטאַנטן האָבן מיר דערציילט, אַז מען האָט זלמן רייזענען אַרויסגעשיקט פֿון תּפֿיסה טיפֿער אין רוסלאַנד נאָך איידער די מלחמה איז אויסגעבראָכן. שפּע־טער איז מיר אויסגעקומען צו ריידן מיט ל יי ב ל ע ן, רייזענס צווייטער זון, וואָס איז אין ביאַליסטאָק דורך די סאָוועטן אויך אַרעסטירט און פֿאַרשיקט געוואָרן אָני 1940 קיין סיביר. ער, לייבל, ווי איך, האָבן דערנאָך געהערט קלאַנגען, אַז רייזען איז ערגעץ אין אַ סאָוועטישער תּפֿיסה געשטאָרבן. מער קיין ידיעות זיינען צו מיר ניט דערגאַנגען. רייזענס פֿרוי, מרים, איז אומגעקומען דורך די נאַציס.ביידע זין רייזענס, וועלכע האָבן שפּעטער באַוויזן ניצול צו ווערן פֿון דער פֿאַרשיקונג, געפֿינען זיך איצט אין לאָנדאָן.

אויך פֿון דער גאַנצער בונדישער גרופּע איז קיינער ניט צוריקגעקומען פֿון דער פֿאַרשיקונג. (חיים וואַלט איז נאָך

PAŽYMĖJIMAS Nr 14

Pažymima, kad drg. Kačerginskas Šmerelis, s. Vulfo yra Lietuvos TSR Tarybinių Rašytojų Sąjungos narys.

Pažymėjimas galioja ligi 1945 m. 1945 m. gruodžio mėn. 31 d.

LTSR Tarybinių Rašytojų Sąjungos
Atsakingasis Sekretorius

УДОСТОВЕРЕНИЕ

Удостоверяется, что тов. Качергинский Шмерель Вульфович является членом Союза Советских Писателей Литовской ССР.

Удостоверение действительно по 31 декабря 1945 года.

Отв Секретарь ССП Лит. ССР

„עס באַשטעטיקט זיך, אַז דער חבר קאַטשערגינסקי שמערל, דער זון פון וואָלף, איז אַ מיטגליד פון סאָוועטישן שרייבער־פאַריין פון דער ליטווישער סאָציאַליסטישער רעפּובליק. די באַשטעטיקונג איז גילטיק ביז דעם 31טן דעצעמבער 1945”...

געשטאָרבן אין דער ווילנער לוקישקער תפיסה פאַר די סאָוועטן).

בין איך פאַרלאָפן א ביסל דעם וועג פאָרויס. ס'איז אָבער וויכטיק געווען דאָס צו טאָן, ווייל שפּעטער וועט איך ניט צי ס'וועט מיר אויסקומען זיך נאָך אומצוקערן צו דעם גורל פון די אומגעקומענע קדושים.

עס הייבט זיך אָן

ס'איז אוועק א חודש, צוויי, און אָט קומט א באַפעל, אז די סאָוועטן גיבן אָפּ ווילנע צו ליטע.

טויזנטער יידן, דער עיקר יוגנטלעכע, גייען אוועק מיט דער אָפּטרעטנדיקער סאָוועטישער מאַכט אין ראַטן־פאַר־באַנד. אין ווילנע בלייבן אָבער צוליב אָנפלוס פון פליטים פון די היטלעריסטישע אָקופּירטע פּוילישע געביטן אַלץ א 70-80 טויזנט יידן, און ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, ערשט דאַן, ווען ווילנע ווערט פאַרנומען פון די ליטווינער, וועמענס פּרעזידענט די קאָמוניסטן פלעגן כסדר רופן „דער פאַשיסט סמעטאָנא", קומט דאָס יידישע ווילנע ווידער צו זיך. עס הייבן תיכף אָן ארויסגיין ווידער פאַרשידענע צייטונגען (ציוניסטישע, דעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע, פּראָסאָווע־טישע). ווילנע האָט זעלטן איבערגעלעבט אזא בלי־פּעריאָד פון יידישן קולטור־לעבן ווי גראָד אין יענע צייט פון דער סמעטאָנא־הערשאַפט, ביז... די סאָוועטן האָבן פאַרנומען גאַנץ ליטע און אויך ווילנע, פאַרטריבן דעם פאַשיסט סמע־טאָנא און אָנגעהויבן ווידער אריינפירן סאָוועטישע אָרדע־נונג.

דאָס מאָל איז ג א נ ץ ליטע צוערשט געבליבן אָן צייטונגען. אָבער אויב צייטונגען אין ליטוויש, פּויליש און רוסיש האָבן גיך אָנגעהויבן דערשיינען, איז מיט יידיש ווידער געוואָרן דאָס זעלבע. יידיש האָט מען נאָך אַלץ ניט דערלויבט. ערשט אין א פּאָר ח ד ש י ם ארום איז אָנגעקומען א דערלויבעניש פון מאָסקווע (נאָך דער צענט־ראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי אין מאָסק־ווע קען געבן א דערלויבעניש ארויסצוגעבן אפילו די קלענ־סטע אויסגאַבעס אין וואָס פאַר א העק פון לאַנד דאָס זאָל ניט זיין) ארויסצוגעבן אין גאַנץ ליטע צוויי יידישע טאָג־צייטונגען („ווילנער עמעס" און „קאָוונער עמעס") און איין יוגנט־צייטונג („שטראַלן"). מען האָט שוין פארגעסן, אַז גאָר ניט לאַנג זיינען אין ווילנע און קאָוונע דערשינען ביז 10 יידישע טאָג־צייטונגען חוץ זשורנאַלן און אַנדערע אויסגאַבעס. מען איז געווען אַזוי מלא שמחה פון די צוויי צייטונגען, אַז יידן האָבן זיך אַזש געקושט פאַר פרייד, ווען זיי האָבן דערזען נאָך לאַנגע חדשים א יידיש אות פאַר די אויגן.

שינויים זיינען אויך פאָרגעקומען אין יידישן טעאטער־וועלט. פון די עטלעכע טעאטערן זיינען געשאפן געוואָרן צוויי טעאטערן, אָבער צו דער גרויסער צופרידנקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט זיינען די טעאטערן פאַר־מלוכהשט געוואָרן. (אַנדערש קען בכלל נישט זיין אין ראטן־פאַרבאַנד, און נישט נאָר מיט טעאטערן, נאָר אויך מיט יעדער אַנדער מין אינסטיטוציע). אויך די יידישע שולן, וועלכע האָבן פריער געהאט די פּוילישע אָדער העב־

רעאישע אונטערריכטס־שפּראַך, זיינען פאַרמלוכהשט גע־וואָרן און איבערגעגאַנגען אויף דער יידישער שפּראַך.

מיט גרויסע שוועריקייטן איז אויך געלונגען צו פּועלן ביים סעקרעטאַר פון פּראָפּאַגאַנדע־ענינים ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי פּרייקשאַס, צו עפענען אַ יידישע אָפּטיילונג ביים ליטווישן מלוכה־פאַרלאַג.

וואָלט מען געגאַנגען ווייטער מיט דעם וואָס מען האָט דערגרייכט, וואָלט מען זיכער געווען צופרידן. אָבער... און דאָ קומט דאָס „נאַטירלעכע", ס'הייסט דאָס פאַרשמעלערן די ראַ־מען פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט קודם־כל אין פאַרמאַכן (דורכן „פאַראייניקן") צייטונגען און קולטור־אינסטיטוציעס. ווי אַזוי די „פאַרשמע־לערונג" איז אָנגעגאַנגען, וועל איך אילוסטרירן מיט עטלעכע ביישפּילן:

בלויז עטלעכע יינגערע יידישע זשורנאַליסטן (סטאָצקי, יודעלעוויטש, פייגעל א"אַנד) זיינען צוגענומען געוואָרן אין דער סאָוועטיש־רוסישער און פּוילישער פּרעסע. די אַלט־באַ־קאַנטע יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, ווי ז. קאַלמאַנאָ־וויטש, משה שאַליט, א. י. גראָדזענסקי, חיים לעווין, א. י. גאָלדשמידט און אַנדערע, זיינען אַרומגעגאַנגען אַרבעטלאָז און דערצו נאָך אין איינע שרעק, זיי זאָלן ניט האָבן דעם זעלבן סוף וואָס זלמן רייזען און טשערניכאָוו.

די שרייבער־משפּחה האָט זיך פאַרגרעסערט דורך דער באַדייטנדיקער שרייבער־גרופּע פון קאָוונע, וואָס איז עטלע־כע און צוואַנציק יאָר געווען פון אונדז אָפּגעריסן צוליב די איבערגעריסענע דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען צווישן ליטע

און פּוילן (וועגן ענין ווילנע), און פון פּוילן (זילבורג, סעמיאַ־טיצקי א״אַנד).

מען האָט געפּרואווט זוכן באַשעפטיקונג פאַר די אַרבעט־לאָזע שרייבער. ז. קאַלמאַנאָוויטש (וועלכער איז באַזייטיקט געוואָרן אין גאַנצן פון יידיש־וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — ייוואָ, וואו ער איז געווען פון די גרינדער און פּרעזידיום־מיטגליד) האָט באַקומען אַרבעט ווי אַ קאָרעקטאָר, א. י. גראָ־דזענסקי האָט זיך פאַרנומען מיט איבערזעצונגען, נאָך אַנ־דערע האָבן געהאָפט צו באַקומען מיט דער צייט אַנדערע אַרבעט. אין די יידישע צייטונגען האָט מען אָבער די עלטערע שרייבער ניט צוגעלאָזן, דאָרט האָבן געאַרבעט כמעט דורכ־אויס יינגערע, וואָס די רעגירונג האָט געהאַלטן, אַז אויף זיי קען זי זיך מער פאַרלאָזן.

אין די געגעבענע באַדינגונגען האָבן די יינגערע יידישע קולטור־טוער אָנגעהויבן פּאַרטיפן און לויט מעגלעכקייטן אויסברייטערן די יידישע קולטור־אַרבעט. אַ פרייד איז גע־ווען, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ס׳קומט קיין ווילנע די ערשטע דעלעגאַציע פון יידישע שרייבער פון מינסק בראש מיט ז ע ל י ק א ק ס ע ל ר אָ ד. מען האָט זיי (אַקסעלראָד, ע ל י ע ק א ה א ן און זייער שומר, דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון מינסקער „אָקטיאַבער״, מ אָ ד ע ל) געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן קבלת־פּנים. זיי האָבן זיך געפרייט צו זען, וואָס פאַר אַ געזונטער יידישער צענ־טער עס איז ווילנע, וואָס פאַר אַ גרויסע יידישע קולטור־אַרבעט דאָ ווערט געפירט. זיי האָבן געקליבן נחת פון די יידישע שולן, פון די קינדער־היימען, פון די צייטונגען. עס

יידישע שרייבערס אומגעקומענע און פֿאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן.

נחום אויסלענדער

משה פינטשעווסקי

זאָלן אויך ניט פֿאַרגעסן ווערן די טויזנטער אַנדערע יידן, אומגעקומענע און פֿאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן, וועלכע האָבן יעדער אויף זיין אופן געפּרוווט וואָס טאָן צו שטאַרקן די יידישע קולטור (אויף די געביטן פון דערציאונג, טעאַטער, קונסט, שפּראַך אדג״ל) און נישט צו דערלאָזן צו דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקייט. זיכער האָבן דאָ אויך די פירער פון יידישן נאַציאָנאַלן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אָנהויבנדיק פון דעם השומר הצעיר, לינקע און רעכטע פועלי־ציון, אַל־געמיינע ציוניסטן, רעליגיעזע פּאַרטייען ביז דעם בונד און אַנדערע יידישע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און סתם יחידים (רבנים, לערער אאז״וו) געהאַט אַ גרויסע שייכות צו דער יידישער קולטור.

נח לוריע



העלענאַ כאַצקעלס

האָט זיך געפילט, ווי קנאַהדיק זיי ריידן. מען האָט ניט געקענט דערגיין ביי זיי צו פיל וועגן יידישן קולטור־לעבן אין סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד פון וואַנען זיי קומען.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, די געסט זיצן זיך אין זייער האָטעל־צימער (סאָקאָלאָווסקי־האָטעל אויפן ראָג דייטשישע גאַס און טראָקער) צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר שרייבער פון ווילנע, קומט אריין אַן אומרואיקער דער רעדאַקטאָר פון „ווילנער עמעס", דער יונגער דערציילער ד ו ד א ו מ ר ו. וואָס איז? ער דערציילט, אַז נעכטן אין אָוונט האָט מען אים גערופן אין פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל פון דער פּאַרטיי, וואו מען האָט אים געמאָלדן, אַז לויט אַ באַשלוס פון דער פּאַרטיי ווערט אָפּגעשטעלט דער „ווילנער עמעס".

— וואָס??? — האָבן אַלע אויסגעשריען מיט אַ מאָל.

— יאָ, אַזוי איז עס — האָט זיך אַ דערשלאָגענער א ו מ ר ו אָוועקגעזעצט.

— מיר וועלן דאָס ניט דערלאָזן! — האָט אויסגערופן זעליק אַקסעלראָד.

— וואָס טראַכט איר אַזוינס צו טאָן? — האָט אַ פרעג געטאָן מ אָ ד ע ל.

— איך וועל גיין אין דער פּאַרטיי און דערקלערן, אַז ווילנע איז ניט...

— וואָס וועט איר טאָן?! — האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַ דערצאָרנטער מ אָ ד ע ל.

— מען דאַרף גיין אין דער פּאַרטיי — האָט ניט דורכגעלאָזן אַקסעלראָד — און פאָדערן...

— איר וועט ניט גיין! האָט זיך אַ רואיקער צוריק אָוועק־געזעצט מאָדעל.

— חבר מאָדעל — האָט זיך אריינגעמישט קאַהאַן — ס'איז דאָך טאַקע ניט דערלאָזבאַר, אַז ווילנע זאָל בלייבן אָן אַ צייטונג.

— א י ר א ו י ך? — האָט מאָדעל אַ בארואיקטער אויסגעשפּיזט אויף קאַהאַנען בליקן — אדרבא, פּרואווט גיין...

זיי זיינען ניט געגאַנגען. זיי האָבן געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן גיין אין דער פּאַרטיי, וועט מאָדעל אַוועקגיין מסרן אין מינסקער נקוו"ד און זייער לעבן איז דאָן אין סכנה.

זיי זיינען ניט געגאַנגען, אָבער מ אָ ד ע ל, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען קיין מינסק, האָט סיי ווי סיי זיי געמסרט. נקוו"ד האָטביידן אַרעסטירט און ווען די נאַציס זיינען באַפאַלן רוסלאַנד און מען האָט עוואַקואירט די אַרעסטאַנטן פון מינסקער תפיסה, האָט מען אַקסעלראָדן דערשאָסן (ווי אַלע איבעריקע פּאָליטישע געפאַנגענע). קאַ־האַן האָט זיך גלייך אָריענטירט און געזאָגט, אַז ער איז אַ קרימינעלער, האָט מען אים עוואַקואירט טיפער אין לאַנד. (שפּעטער האָט ער דאָס אַלץ דערציילט. ער איז אומגע־קומען ווי אַ סאָלדאַט אויפן פראָנט אין קאַמף קעגן די נאַציס).

דער „ווילנער עמעס" איז געשלאָסן געוואָרן. אַזוי אַרום, האָבן זיך די יידן פון ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, וועלכע די סאָוועטן האָבן פאַרנומען — געמוזט באַגנוגענען מיט איין יידישער טאָגצייטונג און איין יוגנט־זשורנאַל, אַנשטאָט וואָס פריער, ביי דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, האָבן זיי

געהאט ביי א 10 טאָגצייטונגען, זשורנאַלן אד״גל. (דאָס זעלבע איז געשען אין ביאַליסטאָק, וואו פאַר דער מלחמה זיינען דערשינען עטלעכע יידישע טאָגצייטונגען. די סאָוועטן האָבן דאָרט דערלויבט בלויז איין בלעטל, „ביאַליסטאָקער שטערן", וואָס איז ארויס דריי מאָל א וואָך).

און אז ס'איז גענוג איין צייטונג, פאַר וואָס זאָל ניט זיין גענוג איין טעאַטער?

יידן, און בפרט יידישע אַקטיאָרן, האָבן משמעות צו פיל פאַרגעניגן געהאַט פון דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט צוויי טעאַטער־אַנסאַמבלען. ס'איז אָנגעקומען א באַפעל צו פאַרמאַכן דעם יידישן טעאַטער אין קאָוונע.

סטייטש, ווי אַזוי, פאַר וואָס? וואָס זאָלן טאָן די אַקטיאָרן?

מען האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף ניט פרעגן, אַז מען טאָר ניט פרעגן, ניט פּראָטעסטירן, אַז מען דאַרף אָננעמען אַלע באַשלוסן אָן דיסקוסיעס.

ס'איז געוואָרן ענגער, ענגער...

די לאַגע האָט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט מיט די מאַסן־ארויסשיקונגען פון דער באַפעלקערונג אין סיביר. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די שוואַרצע טעג ניט נאָר פאַר דער פּוילישער באַפעלקערונג, נאָר אויך פאַר דער יידישער. הונדערטער יידישע משפחות זיינען אין מיטן דער נאַכט ארויסגעריסן געוואָרן פון זייערע היימען. ציוניסטן, בונדיסטן, סוחרים, קליינהענדלער, האַנטווערקער, געזעלשאַפטלעכע טוער, ישיבה־בחורים...

אין א פאַרטאָג האָט מען דערזען צווישן די, וועלכע ווערן געפירט, אויך דעם סוחר נ אַ ז.

— איך וועל נאָך מיך מקנא זיין! — האָט ער אויס־געדופן צו די יידן, וועלכע זיינען געשטאַנען ניט ווייט און אים באַדויערט.

קיינער האָט ניט גענומען ערנסט דאָס וואָס דער „פריי־ליעבער לונג און לעבער" רעדט.

ס'איז אָבער קיין פּאָר וואָכן ניט אוועק. זונטיק דעם 21סטן יוני, אין טאָג ווען דייטשלאַנד פאַלט אָן אויף רוס־לאַנד, ווערט ווילנע באָמבאַרדירט. עטלעכע טויזנט יידן באַ־וויזן זיך אַוועקצולאָזן טיפער אין לאַנד. א טייל ווערן דורך דער סאָוועטישער גרענעצוואַך ניט דורכגעלאָזן. זיי קערן זיך אום צוריק אין ווילנע (צווישן זיי די שרייבער שמשון כהן, שלום זשירמאַן און אַנדערע).

מיט צוויי טעג שפּעטער, דינסטיק פאַרטאָג, זיינען שוין די נאַצים אין ווילנע.

ווילנער יידן זיינען שוין מקנא זייערע ברידער און שוועסטער, וועלכע די סאָוועטן האָבן פאַרשיקט.

דער סוחר נ אָ ז האָט פאַרויסגעפילט...

אין רויך און אין פלאַמען

ג ע ט אָ.

אייגנטלעך וואָלט דער פּעריאָד געדאַרפט אַריבערגעהיפּט ווערן.

אָבער דאָך איז וויכטיק צו דערציילן עטלעכע אינטע־

רעסאַנט־וויכטיקע פּרטים, וואָס קענען האָבן אַ שייכות צום ענין קולטור־אַקטיוויטעט, וואָס איך גיי דאָך אויך ניט פאַר־ביי אין מיין דאָזיקער אַרבעט.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע השערות, פאַר וואָס די דייטשן האָבן אין אַנדערע געטאָס פאַרקוקט די קולטור־טעטיקייט, וואָס יידן האָבן דאָרט געפירט. ניט דאָס אָבער אינטערעסירט אונדז אין איצטיקן מאָמענט. וואָס עס איז י אָ וויכטיק אָנצואווייזן איז, טראָץ דעם שווידערלעכן מצב, אין וועלכן די יידן האָבן זיך געפונען, האָבן זיי זייער גייס־טיקע המשכדיקייט ווייטער געצויגן. ס'איז אַפילו מאָדנע־וואונדערלעך צו זאָגן, וואָס אויב איך רייד וועגן ווילנער געטאָ, איז דאָרט דער קולטור־מצב געשטאַנען אויף זייער אַ הויכן ניוואָ און איז געווען שטאַרק פונאַנדערגעוואַקסן. (פאָרלעזונגען, טעאַטערן, אָרקעסטערס, כאָרן, יוגנטקלוב, שול, פּראָפעסיאָנעלע פאַך־שולן, שרייבער, קינסטלער און מוזיקער האָבן געשאַפן נייע ווערטפולע ווערק אד"גל.)

פאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז קולטור אין אַ טויטן־קאַמער. האָבן זיך דעריבער געפונען אַ גרופּע פון צווישן די צום טויט פאַרמשפּטע, וועלכע האָבן געטראַכט נ י ט ווי צו ראַטעווען דעם אייגענעם נפש, נאָר ווי אַזוי צו ראַטעווען פאַר די קומענדיקע דורות ד י יי ד י־ ש ע ק ו ל ט ו ר ־ א ו צ ר ו ת, וועלכע די דייטשן האָבן געזאַמלט כדי צו פאַרניכטן.

איך האָב געהאַט דעם גרויסן כבוד צו געהערן צו אָט דער „רינגעלבלום"־גרופּע, וועלכע האָט אַרבעטנדיק אין ייוואָ־

בנין, וועלכן די דייטשן האָבן גערופן „ראָזענבערג־שטאַב", דורך אַלע ערנסטע סכנות געגנבעט פון אונטער די דייטשע הענט די וויכטיקסטע כתב־ידן, אַלטע דרוקן, בילדער, מוזע־אַלע אַנטיקן אד"גל. מיר האָבן זיי אונטער די קליידער אריינגעשמוגלט אין געטאָ און אין אַ ספּעציעל אויסגעגראָבענעם בונקער באַגראָבן. מיר האָבן טייל מאַטעריאַלן פאַרגראָבן אויפן בוידעם פון ייוואָ. אָבער ניט נאָר מיט יידישע מאַטעריאַלן האָבן מיר אַזוי געטאָן. עס זיינען צו אונדז אָנגעקומען פון אַלע באַלטישע לענדער און שפּעטער אויך פון אָקופּירטן סאָוועטישן ווייסרוסלאַנד וויכטיקע אוצרות. אויף וויפל מיר האָבן נאָר געקענט, האָבן מיר אויך אַ טייל פון די מאַטעריאַלן באַהאַלטן.

אַ טראַגיקאָמישע פּאַסירונג איז געווען, ווען מען האָט איין מאָל געבראַכט צו אונדז פון דער ווילנער געשטאַפּאָ עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט מאַטעריאַלן פון „ייוואָ". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס האָט די ווילנער נקוו"ד (וואו די געשטאַפּאָ האָט זיך באַזעצט) צוגענומען פון ייוואָ (נאָך אין סוף 1940) די מאַטעריאַלן ווי ניט קיין כשרע צו האַלטן אפילו פאַרן אינסטיטוט, וועלכער איז אין די סאָוועטישער צייטן כמעט ווי ניט געווען טעטיק. די „טריפה" מאַטעריאַלן זיינען דער עיקר באַשטאַנען פון געבונדענע יאָרגענג יידישע פּרעסע און כלל־יי ליטעראַטור פון אַלע סאָציאַליסטישע שאַטירונגען.

און ווען ס'איז געקומען צו די ליקווידירונגס־טעג אין געטאָ, האָבן מיר זיך געפרייט, וואָס מיר האָבן דאָך עפּעס וואָס אויפגעטאָן. מיר זיינען געווען זיכער, אַז די וועלכע

וועלן קומען נאָך אונדז, די באַפרייטע, וועלן געפינען אַ גרויסן טייל פון דעם, וואָס עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו ראַטעווען פון פאַרניכטונג.

שרייבער־קאַפּיטאַן א. קושנירּאָוו און ש. קאַטשער־גינסקי. — יום־כּפּור 1944, ביי די חורבות פון דער גרויסער שטאָט־שול אין ווילנע.

זאָל איך דערציילן וועגן דערפאַרונגען פון די, וועמען עס האָט זיך איינגעגעבן צו דערגרייכן אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער? זאָל איך דערציילן איצט וועגן אַנטיסעמיטיזם

פון יענע סאָוועטישע קאָמאַנדירן, וועלכע זיינען געשיקט גע־וואָרן פון יענער זייט פראָנט? וועגן דער גרויסער צאָל יידי־שע קרבנות פון אָט די „אייגענע" פּאַרטיזאַנער? ניין, דאָס געהערט דאָך ניט צו מיין טעמע, צו דער טעמע פון ק ו ל־ט ו ר. אגב, זיינען שוין פאַראַן וועגן דעם אַ שפּאָר ביסל ידיעות.

אָבער דאָך האָבן מיר אויך אין פּאַרטיזאַנקע, אַזוי ווי אין געטאָ, נאָך אַלץ געחלומט, אַז דער סוף פון דער מלחמה וועט ברענגען די ענדגילדיקע אויסלייזונג פאַר יידן אין וועלכן ווינקעלע אויף דער ערד זיי זאָלן זיך ניט געפינען. מיר זיי־נען געווען זיכער, אַז די ראַטן־רעגירונג וועט געבן דאָן די פולע מעגלעכקייט די יידן פריי צו אַנטוויקלען זייער קולטור אויף אַלע געביטן.

און אָט ווערט דעם 13טן יולי 1944 ווילנע באַפרייט דורך דער רויטער אַרמיי. די מלחמה ציט זיך ווייטער. מיט האַרץ־קלאַפּעניש קומען מיר אין דער נאָך ברענענדיקער וויל־נע, אפשר וועלן מיר נאָך וועמען געפינען.

געפונען האָבן מיר עטלעכע הונדערט הרוגים, וועלכע די דייטשן האָבן אויסגעשאָסן ערב זייער אָפּטרעטן, די לעצטע יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין צוויי אַרבעטלאַגערן אין שטאָט.

פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן איבער די הייזער זוכן וואָס אָנצוטאָן און פאַר איין וועגס זיך פאַרזאָרגן פון די רייך איבערגעלאָזענע דייטשישע און ליטווישע הייזער מיט עפּעס ווערטיקס.

מיר, די 2־3 לעבנגעבליבענע פון יענער „רינגעלבלום"־

גרופּע, וועלכע האָבן זיך דאָן געפונען אין שטאָט, זיינען אוועק זוכן די באַגראָבענע ארכיוון. צעוויטיקטע, צוזעענדיק די קרבנות, זיינען מיר נאָך צעבראָכענער געוואָרן, ווען קור־מענדיק צום ייווא, האָבן מיר געטראָפן אַנשטאָט דעם בנין אַ חורבה. עס איז שוין אפילו דער אַש פון דעם פאַרשרפעטן אַרכיוו, וואָס מיר האָבן געהאַלטן באַגראָבן אויפן בוידעם, ניט געווען. זיינען מיר אוועקגעלאָפן אין געטאָ. מיר זיינען גיך דורכגעלאָפן די שמאָלע בית־עולם־געסלעך און דערקראָכן צום בונקער, וואו מיר האָבן געפונען אַ טייל פון דעם פאַר־גראָבענעם. מיר זיינען דערנאָך געגאַנגען פון גאַס צו גאַס, פון שטוב צו שטוב און געשלעפּט אויף זיך זעק מיט ביכער, מיט כתב־ידן, מיט ספר־תורות אד״גל.

ביסלעכווייז האָט זיך אָנגעהויבן איינשטעלן די אָרדענונג אין שטאָט. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן באַוויזן יידן פון דער עוואַקואַציע, פון די לאַגערן, פון די באַהעלטענישן, „אַריער״. ס'האָבן זיך באַוויזן קינדער.

ניט אַלץ פון די אַרכיוו־מאַטעריאַלן, ספרים און פון גרויסן טייל פון פרעסע־אַרכיוו פון ייוואָ און סקולפּטורן האָבן מיר געקענט אַריינגעמען צו זיך אין די דריי צימערן. אונדזער געדאַנק, אונדזער ווילן איז געווען: אויפזאַמלען דאָס אַלץ אין אַ געהעריקן לאָקאַל, אָרגאַניזירן דערווייל כאָטש אַ יידישן מוזיי פון די אַלע געפונענע זאַכן און מיט דער צייט, ווען ס'וועלן זיך אויך אָפּגעפינען יידישע וויסנשאַפטלער — עפע־נען אַ וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט.

יידישע קינדער, צווישן זיי די מערסטע יתומים, האָבן זיך באַוויזן אין שטאָט, איז געווען פאַר אונדז אַ נאַטירלעכע

זאך, אז מען דאַרף עפענען פאַר זיי אַ יידישע שול און אַן אינטערנאַט.

פון די פראָנטן, פון דער עוואַקואַציע, פון פּאַרטיזאַנקע זיינען זיך צונויפגעקומען אהער אַ גרופּע יונגע שרייבער (פון ווילנע: אַ. אייזען, ש. בעלים, חיים גראַדע, אַ. סוצקעווער דער שרייבער פון די שורות, מאיר פופס; פון קאָוונע: מאיר יעלין, יאַנקל יאָסאַדע, יהושע לאַצמאַן, הירש אָשעראָוויטש א"אנד) — דאַרף מען גרינדן אַ יידישן פאַרלאַג. ארויסגעבן אַ צייטונג. עס קלייבן זיך אָן אַ 5־6 טויזנט יידן (נישט נאָר ווילנער). עס איז דאָ פאַר וועמען צו טאָן. ס'איז דאָ דער יידישער קאָמפּאָזיטאָר קליניצקי — איז וויכטיק צו שאַפן אַ כאָר. פּלענער, פּלענער. און מיר הייבן אָן צו טראַכטן ווי אזוי זיי צו רעאַליזירן. מיר זיינען זיכער, אַז די רעגירונג, די פּאַרטיי וועט אונדז אין דעם העלפן.

אָט ליגן פאַר מיר נאָטיצן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן פאַרצייכענען פון די ערשטע טעג זינט פון דער שטאָט זיינען פאַריאָגט געוואָרן די נאַצים.

אפשר וועלן עטלעכע אויסצוגן פון דעם איבערגעבן די שטימונגען פון יענער צייט:

„15 טער יולי. אין שטאָט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי רייד איך מיט דעם אָרג־אינסטרוקטאָר (אָרגאַניזאַטאָר פון דער קאָמפּאַרטיי) יאַנקל וויניצקי. מיר באַשליסן שאַפן אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל אויספאָרשן די רציחות איבער יידן אין דער צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין ליטע. וויניצקי זאָגט צו וועגן דעם זיך דורכריידן אין צענטראַל־קאָמיטעט, און אויב מעגלעך, וואָלט כדי געווען, איך זאָל פאָרן אין

מאָסקווע וועגן דעם. אויך אבא קאָוונער (איצט אין צ"ק פון מפ"ם אין ישראל — ש. ק.) האָט מסכים געווען געהערן צו דער קאָמיסיע.

16 טער יולי. מיט וויניצקין באַראָט איך זיך כסדר וועגן שאַפן עפּעס אַ יידישע קערפּערשאַפט. היינט האָבן מיר גערעדט וועגן שאַפן אַן אָפּטיילונג פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס געפינט זיך אין מאָסקווע.

איך האָב געבעטן עטלעכע באַקאַנטע אָנצושרייבן זייערע איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט. מיט די מאַטעריאַלן וועל איך לייגן די גרונטבאַזע פאַר דער פאָרשונג פון די רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג. עס האָבן מיר צוגעזאָגט צו שרייבן ד"ר מ. פייגענבערג וועגן גורל פון די יידישע דאָקטוירים אין געטאָ, כאַצקל ברענאייזן וועגן קאָנצלאַגער אין ווייוואַרע, בלומע קראַסנער וועגן דער קינדער־אַקציע אין לאַגער הק"פּ. ווילקינסקי וועגן דער „פּאַראייניקטער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע" זייערע איבערלעבונגען אין פּאַרטיזאַנקע.

17 טער יולי. ח' זימאַן (צווייטער פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר אין צ"ק פון דער פּאַרטיי) האָט מיר היינט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי געזאָגט, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער „אויסערגעוויינלעכער קאָמיסיע צו פאָרשן די רציחות פון די דייטשן איבער דער באַפעלקערונג" און ווי אַ מיטגליד צו פאָרשן די געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנקע.

איך האָב אים פאָרגעלייגט צוציען צו דער קאָמיסיע דעם באַרימטן ביאָלאָג פּראָפ' דעמבאָווסקי.

18טער יולי. פון מאָסקווע איז געקומען **סוצקעווער.** עס ווערט היימישער.

20טער יולי. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אויף זימאַנען איז זיך דאָ ווייניק וואָס צו פאַרלאָזן. ער בייט אַלע ווײַלע זיינע מיינונגען. בכלל איז זיין באַציאונג צו יידן אַ קאַלטע, כאָטש ער אַליין איז דאָך געווען אַ לערער פון יידישער ליטעראַטור אין דער שלום־עליכם־גימנאַזיע אין קאָוונע.

26סטער יולי. מיר הייבן אָן אָרגאַניזירן ביים אָפּטייל פון קונסט־ענינים פון לסס״ר אַ „מוזיי פאַר יידישער קונסט און קולטור", וואָס מיר אָרדענען איין דערווייל אין אונדזער פּריוואַטער וווינונג (מיינע און סוצקעווערס) אויף דער געדימין־גאַס 15. (פריער מיצקעוויטש־גאַס).

5טער אויגוסט. דער מוזיי וואָס מיר אָרגאַניזירן ביי אונדז אין שטוב איז געוואָרן דער צענטער פאַר אַלע יידן, וועלכע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין שטאָט.

דאָ איז דער איינציקער אָרט, וואו מען טרעפט באַקאַנטע, וואו מען שמועסט זיך אַדורך, וואו ניי־געקומענע יידן דערוויסן זיך די אַדרעסן פון אַלע יידן, וועלכע געפינען זיך אין שטאָט. עס קומען דאָ אויך אַ סך רויטאַרמייער, אָפיצירן, פאַרטיזאַנער. פון גאַנצן ראַטן־פאַרבאַנד שיטן זיך בריוו פון יידן צו זייערע קרובים אין ווילנע, וועלכע זיינען שוין ניטאָ. אַלע בריוו ווערן געבראַכט צו אונדז, וואו זיי ווערן פאַררעגיסטרירט.

אין שטאָט ווערט צווישן דער באַפעלקערונג, ניט נאָר צווישן דער יידישער, באַקאַנט דער אַדרעס מיצקיעוויטש־

גאַם 15, ווי דער זיצאָרט פון יידישן קאָמיטעט, כאָטש אַזאַ עקזיסטירט גאָרניט אָפיציעל.

כדי צו לינדערן די אַרבעטלאָזיקייט און די מאַטעריעלע נויט פון אַ טייל יידן, שרייבן מיר אָן אַ מעמאָראַנדום צו

די מיטאַרבעטער פון יידישן מוזיי אין ווילנע, אַפּריל 1945. פון רעכטס צו לינקס: אברהם אייזען (וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער), **ש. קאַטשערגינסקי** (דירעקטאָר), **ע. גערשטאַטער** (ביבליאָטעק־פאַרוואַלטער), **י. זעליקמאַן** (טעכנישער אַרבעטער), **נעמי מאַרקעלס** (סעקרעטאַרין). **אַלע פון ווילנע אַוועקגעפאָרן.**

די אָנפירער פון דער ליטווישער רעגירונג און פון דער פּאַרטיי.

מיר פאַרזעען אויך ניט די אייגנטלעכע אַר־בעט. עס ווערן געבראַכט ספרי־תורות, וועלכע ליגן צע־וואָרפן איבער דער שטאָט. איך ברענג פון דער פּוילישער פרוי מאַרילע וואָלסקאַ אָן אַ שיעור ווערטיקע ביכער, וואָס עס האָט איבערגעלאָזן ביי איר איר פריינד משה לע־רער. עס ווערן טאָג־טעגלעך געבראַכט אין זעק און אין קאָשיקעס אוצרות בריוו, מאַנוסקריפּטן און ביכער פון די באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן. די אוצרות זיינען בלויז אַ טייל פון דעם, וואָס מיר האָבן באַהאַלטן זייענדיק נאָך אין געטאָ. אַלץ ליגט באַגראָבן אין זאַמד אין אַ פינצטערן קעלער אויף דער שאַוולער געסל. די פּוילישע איינוווינער פון הויף ברענגען כסדר מיליציאָנערן און נאַטשאַלניקעס. זיי מיינען, אַז מיר זוכן גאָלד. זיי קענען ניט פאַרשטיין, צו וואָס מיר דאַרפן האָבן די שמוציקע פּאַפּירלעך איינגע־קלעבטע אין פּעדערן פון צעריסענע בעטגעוואַנט. זיי ווייסן קיינער נישט, אַז דאָ האָבן מיר געפונען בריוו פון י. ל. פּרץ, פון שלום־עליכם, פון ביאַליק, אברהם מאַפּו, דעם אייגנ־הענטיקן טאָג־בוך פון ד״ר הערצל, מאַנוסקריפּטן פון ד״ר עטינגער, פון מענדעלען, אַ טייל פון די ארכיוון פון ד״ר א. לאַנדוי, מ. וויינרייך, זלמן רייזען, ז. קאַלמאַנאָוויטש, אַלט־יידישע אויסגאַבעס, און נאָך און נאָך.

מיר באַקומען ניט קיין שום הילף ניט פון דער שטאָטישער מאַכט, ניט פון דער רעגירונג. אַלע ארבעטן מיר אומזיסט. זאָלן דאָ דעריבער דערמאָנט ווערן מיט כבוד

די מיטאַרבעטער א. אייזען, ש. אַמאַראַנט, ע. גערשאַטער, י. זעליקמאַן, נעמי מאַרקעלס, א. סוצקעווער און אבא קאָווער־נער. מער ווי מיט צוזאָגן, אַז מיר וועלן באַקומען שכירות, ברויט־קאַרטעס, מיטאָגן — העלפט מען אונדז ניט.

11 טער אויגוסט. די לאַגע הייבט זיך אָן נאָרמאַליזירן. עס קומען צו פריינד, וועלכע העלפן אונדז אין דער אַרבעט. אונדזער וווינונג איז צו קליין, זוכן מיר אַ לאָקאַל. מען ווייזט אונדז אָן, אַז עס שטייט ליידיק דער בנין פון דער ראַמײַלעס ישיבה, וואָס די דייטשן האָבן פאַרוואַנדלט אין אַ תבואה־שפייכלער. מיר שלאָגן אָפּ די טירן פון פאַרשיידענע אמטן, אָבער אומעטום ענט־פערט מען, אַז דער בנין געהערט איצט צו „זאַגאָטזערנאָ" (אמט פון תבואה־צושטעלונג) און די לעצטע זאָגן זיך אָפּ דעם לאָקאַל צו באַפרייען.

עס בלייבט איבער דער לאָקאַל פון דער געוועזענער מפיצי־השכלה־ביבליאָטעק אויף דער סטראַשון־גאַס מיט דעם שכנותדיקן בנין, וואָס גייט אַרויס אויף דער לידער געסל, וואָס אין איינעם זיינען זיי איין הויף.

דער הויף איז פאַר די ווילנער יידן אַ היסטאָרישער. דאָ איז געווען אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקו־פּאַציע דער ערשטער יידנראַט. דאָ איז געווען איינער פון די רירעוודיקסטע ערטער פון די געטאָיידן: די ביבליאָטעק, דער לייענזאַל, דער סטאַטיסטיק־אמט, אַ ביכער־סקלאַד, די באָד, די יידישע תפיסה, ספּאָרטפּלאַץ, אַרכיוו. דאָ זיינען די יידישע פּאַרטיזאַנער מיט געווער געשטאַנען עטלעכע מעת־לעת און געוואַרט, גרייטע אויפצונעמען דעם קאַמף קעגן שונא. דאָ

איז געווען דער שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער, אַ געווער־לאַגער, אַ מאַלינע, וואו מען האָט זיך געלערנט שיסן און ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט געווער.

עס זיינען געווען צווישן אונדז עטלעכע, וועלכע זיינען געווען קעגן אויסקלייבן אַזאַ אָרט פאַרן מוזיי. „צוריק אין געטאָ דאַרף מען ניט גיין״ — האָבן זיי געטענהט. געזיגט האָט אָבער דער צווייטער צד, וועמען איך האָב היים פאַר־טיידיקט. „גראָד דאָס ווינקל — האַלט איך — איז אַ צו־געפּאַסטער פאַר אַ יידישן מוזיי. דאָס וואָס איז שוין דאָ פאַראַן איז דאָך שוין אויך היסטאָריש. דאָס טאָר ניט אוועק־געגעבן ווערן אַ וואָסערן ס׳איז אמת, כדי דאָרט צו מאַכן אַ צווייטן „זאַגאַטאַזערנאָ״. מען טאָר גאָרניט פאַרגעסן, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, פאַרקערט, זאָל דאָס אונדז כסדר דער־מאָנען״.

ערגער איז, וואָס די בנינים זיינען אין אַ שלעכטן צו־שטאַנד. אַלע פענצטער אָן שויבן, ניטאָ קיין טירן. אַנדערע ווענט זיינען פון דער באָמבאַרדירונג צעשטערט. דורך די דעכער זעען זיך שטיקער הימל.

דער איינציקער אָרט אויף ד ע ר וו יי ל, איז דער קליינער איינשטאָטיקער בנין, וואו ס׳איז געווען די תפיסה אין געטאָ.

20 ס ט ע ר א ו י ג ו ס ט. אַ דאַנק דער ענערגישער אַרבעט פון אַ גרופּע רעליגיעזע יידן ווערט אַקצעפּטירט דורך דער מאַכט אַ יידישע קהילה בראש מיט דעם איינציק געראַ־טעוועטן ווילנער רב גוסטמאַן (איז איצט דער ראש פון אַ ניויאָרקער ישיבה — ש. ק.). צווישן די מיטאַרבעטער זיינען

פֿאַרן אַ שוחט, אַ מוהל, אַ שמש. צוויי קבֿרנים א״אַנד. צוזאַ־
מען 9 מאַן. די קהילה האָט זיך פֿאַרקליבן אויף דער דייטשי־
שער גאַס 19. אין זעלבן הויף איז אויך פֿאַראַן אַ בית־
מדרש.

מיר האָבן איבערגעגעבן דער קהילה די ווייטערדיקע רע־
גיסטראַציע פֿון די יידן און די בריוו־אָפּטיילונג. דאָס פֿאַר־
גרינגערט אויך במילא די אַרבעט פֿון מוזיי.

מיר האָבן זיך פֿאַר דער צייט אָנגעטראָפֿן אויף פֿאַר־
שיידענע שוועריקייטן אין דער אַרבעט.

דער דירעקטאָר פֿון דער ליטווישער וויסנשאַפֿט־אַקאַדע־
מיע פּראָפֿ׳ ש אַ ל ק אַ ו ס ק אַ ס זאָגט צו, דער דירעקטאָר
פֿאַר קונסט־ענינים ב אַ נ יי ט י ס זאָגט צו, דער ביל־
דונגס־מיניסטער ז ו ג ז ד אַ זאָגט צו — אַלע וועלן העלפֿן
מיט וואָס זיי וועלן נאָר קענען, אָבער עס דוכט זיך אויס, אַז
זיי מאַכן שוועריקייטן. ווען עס איז אויסגעקומען מיט זיי
צו ריידן וועגן מוזיי, פֿרעגן זיי אויף וואָס דאַרפֿן מיר האָבן
אַ ספּעציעלן יי ד י ש ן מוזיי, עס קאָן דאָך זיין ווי אַן
אָפּטיילונג ביים ליטווישן? (און פֿאַר וואָס שטיצן זיי דעם
קאַראַאימישן מוזיי?) האָבן מיר גערעדט וועגן אַ יידישער
אָפּטיילונג ביי דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע אין ליטע, זאָגן
זיי, אַז עס זיינען ניטאָ קיין יידישע געלערנטע.

ענדלעך, ענדלעך האָבן זיי דערלויבט אונדז צו עקזיס־
טירן אָפֿיציעל, אָבער אונטערן נאָמען מוזיי, נאָר ווי אַ „קאָ־
מיסיע צו זאַמלען מאַטעריאַלן" ביים קונסטאָפּטייל פֿון ביל־
דונגס־מיניסטעריום.

28 ט ע ר א ו י ג ו ס ט. מיר האָבן נאָך אַלץ קיין

Lietuvos TSR

Lietuvos TSR ŠVIETIMO LIAUDIES KOMISARIATAS	Литовская ОСР НАРОДНЫЙ КОМИССАРИАТ ПРОСВЕЩЕНИЯ
Vilnius, 1945 m. gegužės..... mėn. 12 d.	г. Вильнюс, "12" мая 1945 г
P A Ž Y M Ė J I M A S.	**У Д О С Т О В Е Р Е Н И Е**
Pažymima, kad drg. Kočerginskis Šmuelis s. Vulfo yra Vilniaus Žydų Muziejaus direktorius	Удостоверяется, что Кочергинский Шмуэль Вульфович является Директором Еврейского Музея г. Вильнюс.
Pažymėjimas galioja iki 1945 metų rugsėjo... mėn. 1.. dienos.	Удостоверение действительно по "1" сентября 1945 г.

KADRŲ VALDYBOS VIRŠININKAS /Eidukaitytė/ [signature] НАЧАЛЬНИК УПРАВЛЕНИЯ КАДРОВ (Эйдукайтите)

„עס באַשטעטיקט זיך, אַז קאַטשערגינסקי שמערל, דער זון פון וואָלף, איז דירעקטאָר פון יידישן מוזיי אין ווילנע"... מאַי 1945.

איין גראָשן נישט באַקומען. אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס (ליטווישע, פוילישע) אַרבעטן שוין נאָרמאַל מיט געהעריקע בודזשעטן. פריינד העלפן אונדז צו, ז ע ל י ק ק אָ ז י־ מ י ר אָ ו ו ס ק י האָט היינט געשיקט טישן, אַ שאַפע, עטלעכע בענקלעך. ש ל מ ה ב ר אַ נ ד האָט געשאָנקען פון זיין פאַבריק, וואו ער איז דירעקטאָר, עטלעכע לאַנגע בענק, אַ פּאָר שטולן. י אַ נ ע ק ש ט ו ל און פ יי ג ע ל ע מ י ל ש ט יי ן האָבן געבראַכט פּאַפּיר צו שרייבן, ז אַ־ ג יי ס ק י — טינט, ט אַ ר ט אַ ק — ליכט. דאָס איבע־ ריקע — פּאַפּיר, פעדערס, קנאָפּקעס האָבן מיר אַליין געשאַפן. איבערגעגעבענע פריינד פון דער יידישער קולטור זיינען זיי אַלע. אָבער מ ע ר קענען זיי ניט העלפן. עס פעלן אונדז נאָך בענק, טישן, שטולן, פּאָליצעס, שאַפעס. אויך דער תפיסה־ בנין (פאַר דער מלחמה איז דאָ געווען די דרוקעריי פון ראָ־ זענקראַנץ און שריפטזעצער) איז גענוג רואינירט. לויט דער אויסרעכענונג פון בוי־טרעסט דאַרף קאָסטן ברענגען דאָ אַלץ אין אָרדענונג ביז פערציק טויזנט רובל. סובסידיעס אויף טראַנספּאָרט האָבן מיר אויך ניט. און ווען ניט די אויטאָס, וואָס עס באָרגן אונדז (אויף אַ ניט־געזעצלעכן אופן) יאַנעק שטול (אַרבעט אין אַ טראַנספּאָרט־קאָנטאָר), ח' אַלפּעראָ־ וויטש און די פורן פון די חברים מ ג י ד און ב ר אַ נ ד, וואָלטן מיר גאָר ווייניק געקענט אויפטאָן ביים ברענגען פון די ווייטסטע ווינקלען פון שטאָט פאַרשיידענע יידישע מאַ־ טעריאַלן, וועלכע געפינען זיך אָפּ. ניט זעלטן באָרגן מיר אַ האַנט־וועגעלע ביי שכנים און שלעפּן זיך מיט דעם דורכן שטאָט מיט ביכער, צייטונגען, סקולפּטורן, בילדער אד"גל.

מיר האָבן אָנגעגעבן אַ מעמאָראַנדום צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי ח׳ ס נ י ע צ ק ו ס וועגן דערלויבן אַן איינמאָליקע יידישע אויסגאַבע. נאָר וואָס איז צו אונדז אָנגעקומען אַ תשובה, אַז סניעצקוס האָט באַוויליגט אונדזער בקשה. אַ גוואַלדיקע נייעס! די חברה זיינען שטאַרק צופרידן. מען האָט שוין געמאַכט אַ לחיים. הייסט עס, אַז ס׳קומט פאַר אַ קער אין דער באַציאונג צו אונדזערע קולטור־באַדערפעניש. מיר זיינען זיכער אין דעם.

3 ט ע ר ס ע פּ ט ע מ ב ע ר. עס האָבן זיך שוין פאַררעגיסטרירט ביז צוויי טויזנט יידן. צווישן זיי אַ באַדייטנדיקע צאָל קינדער. די לערערין צילע ווילדשטיין שלאָגט אָפּ די טירן פון בילדונגס־מיניסטעריום צו באַקומען אַ דערלויבעניש צו עפענען אַ יידישע פאָלקסשול און אַן אינטערנאַט פאַר יידישע יתומים. איר צו הילף קומען הויכע יידישע מיליטערלייט, וועלכע פאַרשטייען אויך, אַז די יידישע קינדער קען מען איצט ניט שיקן אין די ליטווישע אָדער פוילישע שולן, וואו די לערער און די קינדער זיינען זייער ווייט צו זיין יידן־פריינדלעך. זיי, די מיליטער־לייט, טאָרן זיך אייגנטלעך ניט מישן אין ציווילע ענינים, אָבער צ י ל ע שטייט ניט אָפּ, זי רייסט מיט און זיי גייען.

נעכטן האָבן מיר געבראַכט אויף ק אָ וו אַ ל ס ק י ס אַ מאַשין פינף גרויסע פּעק מיט יידישע מאַטעריאַלן, וואָס זיינען געלעגן אויפן הויף פון „סאַיוזאוטיל״ (איינקויף־שטעלע פון פאַרשיידענע מינים אָפּפאַל). די מאַטעריאַלן האָבן די דייטשן ניט באַוויזן אַוועקצושיקן אויף פּאַפּיר־איבעראַרבע־

טונג אין דער קוטשקורישקער פּאַפּיר־פאַבריק. עפּענענדיק דעם ערשטן פּאַק האָט מען שוין פון א ו י ב ן אַרויסגענומען יוסף פּערעלס אַ כתב־יד. מיט דער זעלבער מאַשין האָט מען געבראַכט אַ שפּאָר ביסל יידישע צייטונגען, טיילן פון פּעדאַגאָגישן אַרכיוו און סקולפּטורן, אַלץ פון ייוואָ, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט גרייט אַריבערצוטראַנספּאָרטירן אין דייטשלאַנד. מער ווי צוויי קורסן מיט דער מאַשין האָט מען ניט געקענט מאַכן. אין „סאָיוזאוטיל" און אין נאָך אַנדערע ערטער ליגן נאָך זייער אַ סך מאַטעריאַלן, אָבער מיר האָבן ניט קיין טראַנספּאָרט עס צוצונעמען צו זיך.

ס'איז היינט ביי אונדז געווען דער נאַטשאַלניק פאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע ביים צ"ק פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי ח' זיעלאַנאָוו. ער האָט אויפגענומען גענויע ידיעות און פּרטים וועגן אונדזערע אַרבעטן.

10 ט ע ר ס ע פּ ט ע מ ב ע ר. כ'האָב אָנגעשריבן אַ באַריכט פאַרן סאָוואינפאָרמביוראָ וועגן די אוצרות, וואָס מיר פאַרמאָגן אין מוזיי. מיר האָבן נעכטן צוגעשטעלט אַ באַריכט וועגן די שאָדנס, וואָס די דייטשן האָבן אָנגעמאַכט דורכן פאַרניכטן די ווילנער יידישע ביבליאָטעקן. חוץ דעם האָבן מיר צוגעשטעלט אַ באַזונדער באַריכט וועגן דער פאַרניכטונג פון די ייוואָ־אוצרות.

א ב ר ה ם ק ר י ז א ו ו ס ק י האָט אונדז געבראַכט אַ מתנה קאָפּיר־פּאַפּיר, קאָנווערטן און אַ מעקער.

פון ב אָ ג ר אַ נ ס ק י ן האָבן מיר באַקומען טעקעס, שרייב־פּאַפּיר, טשוועקעס. מיר ווערן רייכער.

סוצקעווער איז צוריקגעפאָרן אין מאָסקווע.

11 טער סעפטעמבער. מיט א וואך צוריק האָבן מיר (סוצקעווער יאָסאַדע און איך) איבערגעגעבן אַ מע־מאָריאַל ח׳ סניעצקוסן וועגן דערלויבן אַרויסגעבן אַ יידישע וואָכן־צייטונג. נעכטן האָט אונדז ח׳ זימאַן געמאָלדן, אַז וועגן דעם איז נאָך צו פרי צו ריידן. אָבער מען קען יאָ אַרויס־געבן פון צייט צו צייט אַלמאַנאַכן פון די יידישע שרייבער פון ליטע. איז די שמחה אַ גרויסע ביי אונדזערע שרייבער. ענדלעך וועט מען קענען אָנהייבן אויסליידיקן די שופלאָדן פון די איבערגעלאָדענע מאַנוסקריפּטן.

צום ערשטן מאָל האָבן מיר היינט באַקומען אויסגעצאָלט שכירות. פון די 800 רובל וואָס יעדער האָט באַקומען, האָבן מיר צו 150 געדראַפּט אָפּגעבן צוריק, כדי אויסצוצאָלן די חובות וואָס מיר האָבן געבאָרגט פּריוואַט.

אין צווייטן הויף אויף נומער 8, האָבן מיר געפונען אַ העקטאָגראַפירטן „ווייזער פאַר פּאַרטיזאַנער" אין פּויליש, און אַן אויסגאַבע וועגן פּאַרטיזאַנער אין רוסיש, ביידע אויס־גאַבעס האָבן גענוצט די קעמפער אין געטאָ.

די יידישע קהילה אין ווילנע האָט באַקומען טויזנט דאָ־לער פון אַמעריקע. די מלוכה־באַנק האָט אויסגעצאָלט דער־פאַר 5,300 רובל, — קנאַפּע געלט.

12 טער סעפטעמבער. עס זיינען אָנגעקומען פון אַמעריקע זייער אַ סך קליידער. אין אַ טייל בגדים ליגן צעטעלעך אין יידיש, פון וואָס עס איז קענטיק, אַז די מתנות זיינען פון אַמעריקאַנער יידן. דערוויייל אָבער האָבן פון די זאַכן באַקומען בלויז ניט־יידן. אין קהילה האָבן זיך רעגי־סטרירט טויזנט פיר הונדערט יידן, וועלכע נייטיקן זיך אין

אַנטועכץ. די מערסטע פון זיי גייען טאָקע אָרומגעריסן, באָר־וועס, אָן מאַנטלען. ס'איז שוין גוט קאַלט און זיי פרירן. דערצו נאָך איז אין אַ סך שטיבער קיין גלאָז אין די פענצטער ניט פאַראַן. אַ דעלעגאַציע פון דער קהילה לויפט שוין אַרום עטלעכע טעג איבער פאַרשיידענע אינסטיטוציעס, צו פערזענ־



ווילנע 1945. לעבנגעבליבענע יידישע קינדערלעך פון יתומים־הויז אויף אַ שפּאַציר אויף דער גאַס קליין פּאָהולאַנקע ראָג זאַוואַלנע.

לעכקייטן און אין ערגעץ ענטפערט מען ניט. מען שיקט פון איין אָרט אין אַנדערן. נעכטן האָט מען געענטפערט, אַז די בגדים וועלן פאַרטיילט ווערן דער באַפעלקערונג אויף די אַרבעטסערטער. פון דעם וועלן ליידן דער עיקר די יידן און

ספּעציעל די יידישע פרויען און קינדער, וועלכע קענען ניט אַרבעטן, אָדער האָבן נאָך ניט קיין אַרבעט.

— וועלן זיי ניט באַקומען! — איז געווען דער ענטפער.

צוליב דעם האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין מיט אַ דעלעגאַציע צו פּאַלעצקיסן. (דער ליטווישער מלוכה־פּרעזידענט).

18 ט ע ר ס ע פּ ט ע מ ב ע ר. ביי רעליגיעזע יידן איז ראש־השנה. מען דאַוונט מעריב אין בית־מדרש אויף דער דייטשישער גאַס. שחרית און מוסף דאַוונט מען אין דער גרויסער פּוסטער שטאָטשול. עס רעגנט פון דאַך אויף די מתפּללים. די קהילה־לייט מיען זיך, מען זאָל די גרויסע היסטאָרישע געביידע ברענגען אין אָרדענונג.

21 ס ט ע ר ס ע פּ ט ע מ ב ע ר. אין שטאָט איז געקומען די טאָכטער פון איליאַ ערנבורג, אויך אַ זשורנאַליסטין. זי איז געקומען זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר דער געשיכטע פון דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין ליטע. זי איז אויך געווען ביי אונדז אין מוזיי. זי מאַכט אַ פיינעם איינדרוק. זי איז שטאַרק איבערגענומען מיט די אַלע שוועריקייטן, וועלכע מען מאַכט אונדז אין אונדזערע באַמיאונגען ווידער אויפצושטעלן דעם יידיש־קולטורעלן לעבן...״

*

מער האָב איך מיינע טאָגנאָטיצן ניט געפירט. פריינד האָבן מיר געעצהט זיך ניט צו פאַרנעמען מיט דעם, ווייל ניט נאָר איך, נאָר אויך אַנדערע קענען ליידן פון אָט די נאָטיצן, אויב עס זאָל חלילה וואָס געשען און מען זאָל עס ביי מיר געפינען.

ס׳איז אָבער שוין פון דעם צו זען, אַז מיר האָבן שוין פון

די ע ר ש ט ע טעג, ווי די שטאָט איז באַפריים געוואָרן, דערפילט, אַז מיר זיינען יידן. מיר האָבן אָבער די האָפענונ־גען אויף גערעכטיקייט, וואָס קומט אונדז, נ י ט פאַרלוירן. מיר האָבן געזוכט דערצו פאַרשיידענע תרוצים, ס'איז אָבער שווער געווען צו געפינען שכלדיקע פאַרענטפערונגען. דערצו נאָך, ווען אין גאַנץ ליטע איז שוין אָנגעגאַנגען אַ נאָרמאַלער לעבן. דער פראָנט האָט זיך שוין אָפּגערוקט גאָר ווייט פון אונדז. עס זיינען שוין געווען טעטיק ליטווישע, רוסישע און פוילישע צייטונגען, זשורנאַלן, טעאַטערן, ראַדיאָ, שולן, אוני־ווערסיטעטן אד"גל.

מיר האָבן דעריבער נאָך מער פאַרשטאַרקט אונדזער עק־שנות און ווייטער פאָרגעזעצט די אָנגעהויבענע באַמיאונגען צו שאַפן נאָרמאַלע באַדינגונגען פאַר דער יידישער קולטור אין פיל גערימטן ירושלים דליטא אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט.

ביילאַגע נומ. 1

„אין ווילנע

(פון אונדזער קאָרעספּאָנדענט)

דעם 23טן יולי איז אין ווילנע, אין הויז פון דער רויטער אַר־מיי, פאַרגעקומען אַ קינסטלערישע זעלבסטטעטיקייט־אָלימפּיאַדע

פון די קינדערהיימען פון דער ליטווישער רעפּובליק, געווידמעט דעם 5טן יאָרטאָג פון סאָוועטנליטע.

אויף דער אָלימפּיאַדע זיינען געקומען פאָרשטייער פון ביל־דונגס־קאָמיסאַריאַט, פון דער קאָמיוג־אָרגאַניזאַציע, קינסטלער, שריי־בער א. א.

דעם ערשטן פּריז האָט באַקומען דער ווילנער יידישער קינ־

די ווירקלעכקייט

כדי צו מאכן אַ מיטינג פון יידישע פּאַרטיזאַנער אין אַ גרויסן זאַל, האָב איך באַדאַרפט באַקומען די צושטימונג פון פּ ר יי ק ש אַ ס ן, דער ערשטער פּראָפּאַגאַנדע־סעקרעטאַר פון צ״ק פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי.

מען קען ניט זאָגן, אַז זיין אינטעליגענץ זאָל אים געווען דינען צו זיין הויכן אַמט (דערפאַר האָט מען באַשטימט פאַר

דערהיים נומ. 6. אין אַ שיינעם פּערלדיקן יידיש האָט דער זעלבסט־טעטיקער קאָלעקטיוו פון קינדערהיים אויפגעפירט די קינדער־אָפּערע „דאָס פּעקעל״, נאָכדעם — אַ מאָנטאַזש פון סטיליזירטע יידישע פאָלקס־לידער און פאָלקס־טענץ.

דער דירעקטאָר פון שול כ׳ שאָכאַט איז איינגעלאַדן געוואָרן אין פּרעזידיום, ווו מען האָט אים פייערלעך איבערגעגעבן דעם פּריז.

***

אין זאַל פון דער ווילנער פילאַרמאָניע איז פאָרגעקומען אַ גרויסער ליטעראַריש־קינסטלערישער אָוונט לכבוד דעם יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג פון ווילנע. דעם אָוונט האָט אָרגאַניזירט די יידישע שרייבער סעקציע ביים שרייבער־פאַריין אין ליטע.

אַ פאָרטראַג „אַ יאָר יידיש־סאָוועטישע קולטור־אַרבעט אין ליטע״ האָט געלייענט דער סעקרעטאַר פון דער סעקציע יאַנקל יאָסאַדע. דערנאָך זיינען אַרויסגעטראָטן מיט זייערע ווערק די יידישע שרייבער אָשעראָוויטש, לאַצמאַן, סוצקעווער, קאַטשערגינסקי און בעליס־לעגיס.

אינעם צווייטן טייל פון אָוונט האָבן די קינדער פון דער ווילנער יידישער מיטלשול אויפגעפירט אַ קינסטלערישן מאָנטאַזש „ווילנע״, צוזאַמענגעשטעלט פונעם שרייבער קאַטשערגינסקי.״

(„אייניקייט, מאָסקווע, דאָנערשטיק
9 אויגוסט 1945 יאָר (191) (79

זיין פאַרטרעטער דעם יידישן לערער און פּאַרטיזאַנען־פירער ה. ז י מ אַ ן). אָבער די סאָוועטישע רעגירונג האָט געוואָלט וויַיזן דער באַפעלקערונג, אַז בלויז ליטווינער זיצן ביי דער רעגירונגס־ און פּאַרטיי־מאַכט אין ליטע. ניט נאָר דאָס. די סאָוועטן האָבן אפילו איבערגעלאָזן אויף זייערע אמטן אַ סך ליטווינער, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און אפילו זיי געהאָלפן אין די שחיטות. (דאַקעגן זיינען פּאַרשיקט געוואָרן אין סיביר די שרייבער י אַ ק ו ב ע נ אַ ס, אַ סאָציאַלדעמאָקראַט און ק אַ ז י ס ב אָ ר ו ט אַ — אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וועלכע האָבן אין דער אָקופּאַציע־צייט געהאָלפן יידן).

זעענדיק, אַז מיט ז י מ אַ נ ע ן וועל איך גאָרניט קענען אויפטאָן (און אפשר האָט ער מורא געהאַט צו שטעלן אַלץ אויף זיך), בין איך געוואָרן אַן אריינגייער צו פּ ר יי ק־ש אַ ס ן.

שוין זיין ערשטער ענטפער וועגן מיטינג פון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויף קיין גוטס פון אים וועל איך זיך ניט דערוואַרטן.

— נאָך וואָס דאַרפט איר אַ יידישן מיטינג — האָט ער זיך ברוגזדיק געוואָרפן — נאָך וואָס? אָט ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ ז אַ ראַדיאָ־סטאַציע וואָס האָט די קראַפט איבערצוגעבן אייער מיטינג אין אויסלאַנד וואָלט עס געהאַט אַ ווערט, אָבער סתם אַ מיטינג... צו וואָס?

עס האָבן ניט געהאָלפן מיינע טענות וועגן דער וויכטיקייט פון אַזאַ מיטינג פאַר די יידן אַליין. דאָרטן אויפן מיטינג, וועלן מיר רופן די יידישע באַפעלקערונג, די פּאַרטיזאַ־

נער — האָב איך געזאָגט — זיי זאָלן זיך אריינטאָן אין אויפבויען צוריק די חרובע ווילנע און דאָס וועט זיין די גרעסטע נקמה וואָס זיי וועלן נעמען אָן די נאַציס.

פרייקשאַס האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט:

— איך לאָז ניט — האָט ער געענטפערט — און אויב איר ווילט קענט איר וועגן דעם זיך ווענדן אין מאָסקווע.

גלייכצייטיק האָבן מיר ניט גערוט כדי צו פאַרווירקלעכן דאָס אַרויסגעבן דעם ערשטן אַלמאַנאַך פון דער שרייבער־גרופּע (וועלכע זיינען אַלע געווען מיטגלידער פון סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד).

אַ שוועריקייט האָבן מיר געהאַט בלויז אין באַקומען יידישע שריפט. אין דעם האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן דער דירעקטאָר פון מאָסקווער „עמעס"־פאַרלאַג ח' ס ט ר אָ נ ג י ן (לעצטנס אַרעסטירט?) וועלכער איז געקומען אויפשטעלן אַ יידישע פּאָליגראַפישע באַזע אין ווילנע. ער האָט געשיקט יידישע שריפט אין ווילנע, און וואו ס'איז געווען פריער די דרוקעריי „אלמנה והאחים ראָם" און וואו ס'איז איצט אַ רוסיש־ליטווישע דרוקעריי, האָט געזאָלט געעפנט ווערן אַ יידישער אָפּטייל. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין אַנטוי־שונג, ווען האָבנדיק שוין דעם צוזאָג פון זימאַנען און פרייקשאַסעס צוזאָג ס ט ר אָ נ ג י נ ע ן — האָט מען געענטפערט, אַז די פראַגע וועגן אַרויסגעבן וואָס פאַר אַ ניט איז שריפט אויף יידיש איז ניט אַקטועל איצט.

דאָס האָט אונדז ווי געטאָן, און זייענדיק נאָך „גרינע" סאָוועטישער בירגער האָבן מיר זיך ניט באַגנוגנט מיט די אָפּזאָגן, ווי ס'איז אין אַזאַ פאַל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר

מיר האָבן געפּרואווט מזל דורך אַנדערע וועגן, וועגן וואָס איך וועל שרייבן באַזונדער.

די ראַדיאָ־נעץ האָט שוין פון די ערשטע טעג, זינט די שטאָט איז באַפרייט געוואָרן, געאַרבעט. איך בין אוועק צום דירעקטאָר פון ראַדיאָ און געבעטן, מען זאָל אויסטיילן כאָטש אַ האַלבע שעה אין טאָג אויף יידיש.

— מען קען ניט. איך האָב ניט וועגן דעם קיין שום אָנווייזונגען.

האָבן מיר אָרגאַניזירט אַ כאָר (אונטער דער אָנפירונג פון קאָמפּאָזיטאָר קליניצקי), קיינער האָט אונדז ניט געשטיצט. די זינגער זיינען דריי מאָל אַ וואָך געגאַנגען אין די פינצטערע אָוונטן אויף די רעפּעטיציעס. מיר האָבן געוואָלט, אַז אונדזער געזאַנג זאָל דערהערט ווערן!

איך בין אוועק ווידער צום ראַדיאָ־דירעקטאָר און געבעטן, ער זאָל דערלויבן אויפצוטרעטן דעם כאָר אין ראַדיאָ.

— נאָר אין ליטוויש, פּויליש, אָדער רוסיש, — איז געקומען דער ענטפער.

דער כאָר איז פונאַנדערגעלאָזן געוואָרן.

צרות האָט זיך אָנגעליטן די לערערין צ י ל ע ו ו י ל ד־ ש ט יי ן. זי פלעגט אָפט קומען צו מיר וויינען:

— מיינע פּיס זיינען מיר שוין געשוואָלן געוואָרן פון שלעפּן זיך טאָג־איין טאָג־אויס צו פאַרשיידענע אמטן. אומעטום הייסט מען מיר קומען מאָרגן, קום איך מאָרגן, זאָגט מען מיר ווידער מאָרגן.

איין מאָל איז זי געקומען אַ לייכטנדיקע, אַ שיינענדיקע:

— מען האָט דערלויבט צו עפענען אַ פיר־קלאַסיקע יידי־

יידישע שרייבערס אומגעקומענע און פאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן.

יוסף טשערניכאָוו



איציק קיפּניס

די צוויי צענדליק שרייבערס וועמעס פאָטאָגראַפיעס דאָ ווערן
געבראַכט, זיינען בלויז אַ קליינער טייל פון די אומגעקומע־
נע, פאַרשיקטע און פאַרשוווּנדענע אין די סאָוועטישע תפיסות
און לאַגערן. עס דאַרפן נישט פאַרגעסן ווערן אויך אַזעלכע
שרייבערס וואָס האָבן געהאַט דעם זעלבן גורל ווי זעליג
אַקסעלראָד, א. אבטשוק, ש. אָשעראָוויטש, יאַשא בראָנשטיין,
חיים גילדין, מ. דונעץ, ש. האַלקין, ז. ווענדראָף, א. זאַרעצקי,
א. כאַשין, איזי כאַריק, מירע כענקינא, מ. טייף, י. יאַנקע־
לעוויטש, פּראָפ. ליבערבערג, נח לוריע, חנה לעווין, י. נו־
סינאָוו, ל. סטראָנגין, ע. ספּיוואַק, ש. פּערסאָוו, אייזיק פּלאט־
נער, א. פרומקין, י. פאַלקאָוויטש, ישראל פוריע, נ. קאַסטע־
לאנסקי, א. קירזשניץ, ש. רויטמאַן, י. ראבין, זלמן רייזען,
ה. רעמיניק און נאָך צענדליקער אַנדערע.

י. דאָברושין

יעקב שטערנבערג

שע שול, אַ יתומים־אינטערנאַט און אַ קינדער־גאָרטן.

עס האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אָבער אין עטלעכע טעג אַרום איז קלאָר געוואָרן, אַז אַזאַ דערלויבעניש איז טאַקע פאַראַן.

איר גאַנץ לעבן האָט די לערערין צילע אַריינגעלייגט אין בויען די שול. און ווער וויים, צי די שול וואָלט געקענט געעפנט ווערן, ווען ניט יידישע אָפיצירן, וועלכע האָבן זיך גענומען דערצו. זיי האָבן אויף זייערע מיליטערישע מאַשי־נען געבראַכט פאַר דער שול מעבל, האָלץ, שפּייז, דעם רע־מאָנט געהאָלפן דורכפירן און מיט מזל — די קינדער־אינסטי־טוציעס זיינען געעפנט געוואָרן.

ס׳איז געווען אַ שמחה. די קינדערלעך זיינען ווי פלאַ־טערלעך אַרומגעפלויגן איבער זייער היים. לערער האָבן זיך אָפּגעפונען, דערציער.

און ווען די שול האָט שוין צום סוף שול־יאָר זיך צוגע־שטעלט צו דער קינדער־אָלימפּיאַדע פון דער ליטווישער ראַטן־רעפּובליק, האָט די יידישע שול פאַרנומען דעם ערשטן אָרט! דעם ערשטן אָרט אין געזאַנג, אין טענץ, אין לערנען.

אָבער ווען מען האָט צום סוף שול־יאָר צוגעשטעלט אַ בודזשעט אויפן קומענדיקן יאָר, וואו ס׳איז פאָרויסגעזען צו עפענען פאַר די קינדער, וואָס האָבן געענדיקט דעם פערטן קלאַס — אַ פינפטן קלאַס, האָט דער בילדונגס־מיניסטער געענטפערט, אַז מער ווי פיר קלאַסן קען די יידישע שול נישט האָבן.

— ס׳טייטש, וואָס זאָלן טאָן די קינדער פון פערטן קלאַס? וואו זאָלן זיי גיין?

— אין די ליטווישע אָדער רוסישע שולן! — איז געקו־
מען דער ענטפער.

שפּעטער־צו האָט מען זיך דערוואוסט, אז די פיר קלאַסן האָט מען דערלויבט בלויז צוליב דעם, ווייל די ייִנגערע קינ־דער האָבן קיין אנדער שפּראַך אויסער דער יידישער נישט געקענט. אין דער פיר־קלאַסיקער יידישער שול האָבן זיי לויט דעם לערן־פּראָגראם שוין געדאַרפט באַהערשן אויך די ליט־ווישע און רוסישע שפּראַך, כדי מ ע ר נישט צו באדארפן אָנקומען צו דער יידישער שול.

טיפע טראגעדיעס זיינען פאָרגעקומען אין יתומים־אינ־טערנאַט. לויטן באַפעל פון דער מאַכט האָט מען דאָרט גע־מוזט צונעמען נאָר אזעלכע קינדער, וועלכע האָבן זיך געראַ־טעוועט אין געטאָ, פון די וועלדער, באַהעלטענישן, לאַגערן. אָבער די עוואקואירטע יידישע קינדער, וועלכע האָבן זיך צור־ריקגעקערט פון ראטנן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט די ליטווישע קינדער האָט מען אין יידישן יתומים־הויז נישט געטאָרט אריינגעמען. די קינדער האָבן בעסער געוואָלט זיין צוזאַמען מיט יידישע דערציער און נישט מיט די ליטווישע, וועלכע האָבן זיך צו די יידישע קינדער באַצויגן שלעכט און זיי אפילו אָפט געשלאָגן. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט די אָנפי־רונג פון יידישן אינטערנאַט געמוזט אויספירן די באַפעלן פון בילדונגס־מיניסטעריום. האָבן געטראָפן אָפט פאַלן, ווען יידישע קינדער פלעגן אנטלויפן פון די ליטווישע דערציאונגס־הייזער און קומען וויינענדיק, מען זאָל זיי צונעמען אין יידי־שן יתומים־הויז. מען האָט זיי אָבער גאָרנישט געקענט העלפן. פלעגן די קינדער אָפט איבערשלאָפן אויף די טרעפ פון

יתומים־הויז, ארומוואַלגערן זיך הונגעריקע אין די גאַסן און דעמאָראַליזירט ווערן.

א גרויסן קלאַפּ האָט די יידישע שול באַקומען דורכן אַרעסט פון איר גרינדערין, דער לערערין וו י ל ד ש ט יי ן.

צוזעענדיק די שוועריקייטן, וואָס די רעגירונג מאַכט פאַר דעם יידישן נאַציאָנאַלן קולטור־אויפבוי, האָבן הונדערטער יידן אין ווילנע באַשלאָסן אויסנוצן די מעגלעכקייט, וואָס די סאָוועטישע רעגירונג האָט געגעבן די געוועזענע פּוילישע בירגער אַוועקצופאָרן פון ווילנע. פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן בלייבן אין פּוילן, אַלעמענס דראַנג איז געווען אַוועקצופאָרן דורך פּוילן ווייטער. אָבער די ווילנער יידן, וועלכע האָבן, ווי נאָך אַנדערע צענדליקער טויזנטער יידן, געוואוסט, אַז ניט אַלע מאָל קען מען זיך באַציען מיט צוטרוי צו די סאָוועטישע פאַראָרדענונגען (מען האָט זיך דערמאָנט וועגן די טויזנטער ווילנער יידן אין ביאַליסטאָק און אַנדערע ערטער, וועלכע האָבן זיך אין 1940 פאַרשריבן צוריקצופאָרן אין ווילנע און די סאָוועטישע רעגירונג האָט דאַן אַלעמען פאַרשיקט קיין סיביר), האָבן מורא געהאַט צוערשט זיך צו פאַרשרייבן. אייניקע, מער געוואַגטערע, האָבן דאָס געפּרואווט טאָן. צווישן זיי איז אויך געווען צ י ל י ווילדשטיין, אָבער נאָך דעם ווי זי האָט זיך פאַרשריבן אַוועקצופאָרן פון ווילנע, האָט איר באַהערשט אַ מורא, מען זאָל זי קומען אַרעסטירן. אין דעם האָט זיך אונטערגערוקט איינע אַ קאָוונער יידישע פרוי, וועלכע האָט פאַרטרויט צ י ל ע ן אַ סוד, אַז איר קוזין האָט איבערגערעדט אַ סאָוועטישן פּליער, וועלכער פליט צוויי מאָל אַ וואָך קיין בוקאַ־

רעשט, ער זאָל פאַר גוט באַצאָלט מיטנעמען אין יעדער פּלי־זיינעם, עטלעכע מאָן. צילע האָט זיך דערפרייט. זי וועט ניט דאַרפן פאָרן קיין פּוילן און פון דאָרט ווייטער גנבענען גרענעצן ביז ארץ־ישראל. פון בוקאַרעשט, האָט זי געהערט, איז שוין דאָס פאָרן קיין ארץ־ישראל גאָר לייכט. האָט זי איינגעצאָלט די געפאָדערטע סומע געלט און זיך געזעגנט בסוד מיט באַקאַנטע.

אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ בריוועלע פון צילען, וואָס עס האָט געבראַכט דער סאָוועטישער פּליער פון בוקאַרעשט. זי שרייבט, אַז זי איז בשלום אָנגעקומען און זי וועט אין גיכן אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אַזעלכע בריוועלעך האָבן אויך געשיקט די איבעריקע פינף מאַן, וועלכע זיינען אין געהיים מיט צילען געפלויגן. דערהערנדיק, אַז אַלץ איז דורך בשלום, האָבן זיך גלייך געפונען נאָך בעלנים צו פליען, אַזוי איז אַוועקגעפלויגן אַ צווייטע גרופּע, אַ דריטע און מיט אַ מאָל — אַ דונערדיקע ידיעה איבער דעם יידישן ישוב אין ווילנע: אַלע דריי גרופּעס יידן זיצן גאָר אין ווילנער לוקישקער תפיסה. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ געמיינע פּראָוואָקאַציע פון דער נקוו״ד. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויפן לופטפעלד הינטער ווילנע, אין פּאָרובאַנעק, האָט אויף יעדער גרופּע שוין געוואַרט די סאָוועטישע פּאָליציי, וועלכע האָט אַלעמען אַרעסטירט. אין תפיסה האָט מען יעדערן געצוואונגען אָנצושרייבן בריוועלעך מיט אַ באַשטימטן טעקסט צו זייערע פריינד, וועלכע דער פּליער האָט דערנאָך איבערגעגעבן.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום איז פאָרגעקומען דער משפּט

איבער די געכאַפּטע און מען האָט זיי פאַרמשפּט ביז 10 יאָר פאַרשיקונג קיין סיביר.

אויך די אָפט געקומענע געסט פון מאָסקווע (זשורנאַ־ליסטן, מיליטער־לייט, שרייבער א״אַנד) האָבן ניט געקענט באַנעמען די פירונג פון דער מאכט לגבי די יידן. מען האָט מיך געראָטן איך זאָל פאָרן אין מאָסקווע, אויספּועלן, אַז דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט זאָל עפּעס טאָן. און אפשר וועט זיך מיר איינגעבן צו דערקריכן אין צ״ק פון דער אלק״פּ(ב), דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע.

אָבער ניט יעדער קען פאָרן אין מאָסקווע. מען דאַרף דערצו האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, אַ „קאָמאַנדיראָווקע״. פריינד האָבן מיר געהאָלפן און איך האָב אַזאַ דערלויבעניש ענדלעך באַקומען.

דער איינגנטלעכער בעל־הבית איבער זיי איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער סאָוועטישער אינפאָרמאַציע־ביוראָ (פאַרקירצט — „סאָווינפאָרמביוראָ״) לאָזאָווסקי. פון דעם אַליין איז שוין געווען געדרונגען, אַז דער „יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט״ איז שוין פון פאָרויס באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס איז בלויז באַשטימט פאַר אויסלאַנד, קלאָרער געזאָגט: פאַר פּ ר אָ־פּ אַ ג אַ נ ד ע אין אויסלאַנד. ווייל וואָלט דער יידישער קאָמיטעט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אָרגאַניזאַציע וואָס דאַרף רעפּרעזענטירן די סאָוועטישע יידן, וואָלטן דאָך ווי־עפּנט געוואָרן אויך אָפּטיילונגען אין אַנדערע שטעט אין לאַנד, עס וואָלט דערלויבט געוואָרן, אַז עס זאָל כאָטש דער־שיינען איין יידישע טאָגצייטונג, אַ חודש־זשורנאַל. (דער

מאַנגל אין פּאַפּיר, ווי אַנדערע האָבן געוואָלט אויסטייטשן דאָס ניט דערשיינען פון יידישע אויסגאַבעס, האָט דאָ אַב־סאָלוט ניט געשפּילט קיין שום ראָל, ווען מען נעמט אין באַ־טראַכט, אַז אויסגאַבעס אין אַנדערע שפּראַכן זיינען דווקא יאָ דערשינען.) האָט דער קאָמיטעט געאַרבעט אויסשליסלעך מיטן ציל צו שיקן פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן אין אויסלאַנד.

בולטער איז מיר דאָס אַלץ אויסגעקומען צו זען, ווען איך בין געווען אין מאָסקווע אין 1944 און 1945. איך האָב דאָן באַזוכט אין משך פון אַ פּאָר חדשים אַלע טאָג דעם קאָמיטעט. איך האָב צוגעזען, ווי אַזוי די אַרבעט ווערט גע־פירט און ס'איז פאַרשוואונדן געוואָרן פאַר מיר נאָך אַ טרוים: דער טרוים, אַז דער קאָמיטעט קען מיט וואָס נישט איז לינדערן די שווערע לאַגע פון די סאָוועטישע יידן, פון דער יידישער קולטור. איך האָב געפילט דעם גרויסן צער וואָס עס האָבן דערפון אַלע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן און די טוער אַרום די פּאָר אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס (טע־אַטראַלע סטודיע, „עמעס"־פאַרלאַג און יידישע ראַדיאָ־אויי־דיציע).

לויט דער ליניע פון דער אויסלענדישער פּאָליטיק פון ראַטן־פּאַרבאַנד, האָט אויך ל אָ ז אָ וו ס ק י געקערעוועט מיט זיין עקספּאָזיטור מיט דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. ער האָט שטענדיק באַשטימט וואָס פאַר אַ מאַ־טעריאַלן דער קאָמיטעט דאַרף שיקן אין אויסלאַנד. איז געווען מלחמה־צייט, איז געווען די אַרבעט פון קאָמיטעט, פאַרשטייט זיך, אויסשליסלעך צו שיקן אַזעלכע מאַטעריאַלן, וואָס זאָלן אָפּשפּיגלען די העלדישקייט פון דער רויטער אַר־

מיי, פון די יידישע סאָלדאַטן, אָפיצירן, פּאַרטיזאַנער אד״גל. האָט זיך געענדיקט די מלחמה, האָט מען געמיינט, אַז מען וועט קענען ברייט שילדערן פאַר אויסלאַנד אויך די גרויסע יידישע טראַגעדיע, וועגן אומקום פון הונדערטער טויזנטער יידן אין קיעוו, כאַרקאָוו, מינסק, בערדיטשעוו, סמאָלענסק א״אנד, אָבער בלויז אַ שפּליטער פון דעם איז דערגאַנגען אין אויסלאַנד. ס׳איז גלייך געקומען אַ באַפעל צום קאָמיטעט צו שיקן מאַטעריאַלן, וועגן אויפ־בוי, ד״ה ווי אַזוי דאָס ראַטנלאַנד בויט זיך אָפּ.

צו דעם אַלעמען האָבן זיך געמוזט צופּאַסן נישט נאָר די זשורנאַליסטן, נאָר אויך די קינסטלער — פּראָזאיקער און פּאָעטן.

ווי מען זאָל אָבער די אַרבעט און די טוער פון קאָמיטעט נישט משפּטן, דאַרף מען אָבער צוגעבן, אַז לויט די רעכט וואָס עס איז זיי געגעבן געוואָרן, האָבן זיי געטאָן דאָס מעגלעכסטע און אַ מאָל אפילו דעם שטעקן איבערגעבויגן.

פון דעם אַריבערגעבויגענעם שטעקן פלעגן דער עיקר געניסן די יידישע שרייבער, וועלכע פלעגן אָפט, אין גאַנצן נישט לויט דער פאָרויסגעזעענער ליניע, שיקן אַזעלכע מאַ־טעריאַלן, וועלכע זיינען שוין צום געגעבענעם מאָמענט גע־ווען „נישט־אַקטועל״, אָדער, ווען דער מאַטעריאַל איז באַ־שטאַנען אין „צו פיל״ קינסטלערישע ליטעראַטור.

אין מאָסקווע

דאָס וואָס ס׳איז פאַר גאָטגלייביקע ירושלים, מעקקאַ און רוים, איז מאָסקווע פאַר קאָמוניסטן אין גאַר דער וועלט.

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג (ווי דער ניט־יידישער) אין ראַטן־פאַרבאַנד איז נאָך דערצו מאָסקווע אויך דער צענטער פון וואַנען עס קומען אַלע גערעצן פאַרן לאַנד און אַלע ידיעות פון אויסלאַנד.

גרויסע האָפענונגען האָבן יידן אין די ווייטסטע געגנטן פון ראַטן־פאַרבאַנד אין דער מלחמה־צייט געלייגט אויף דעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. אין דער מלחמה־צייט האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט אין די ראַמען פון זיינע מעג־לעכקייטן גרופירט ארום זיך אַלע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן און אויך אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן, וועלכע זיינען געווען אויף אַנדערע וויכטיקע אמטן (פּראָפעסאָרן, מיליטערלייט, זשורנאַליסטן אד"גל) אין לאַנד.

יידן האָבן געמיינט, אַז דער קאָמיטעט איז באמת די רעפּרעזענטאַנץ פון סאָוועטישן יידנטום און דעריבער זיינען צום קאָמיטעט אָנגעקומען יעדן טאָג הונדערטער בריוו און טעלעגראַמעס פון לאַנד און פון אויסלאַנד.

די טויער האָבן אָבער מיט באַדויערונג געמוזט פאַרשווייגן די נישטיקע קאָמפּעטענצן וואָס זיינען זיי אָנגעטרויט גע־וואָרן.

— וואָס ברענגט איר מיר אַזוי פיל לידער? — האָט זיך אַ מאָל לאָזאָווסקי אָנגערופן צו דעם שפּעטער פאַר־שטאָרבענעם ש כ נ א ע פּ ש ט יי ן.

אָבער יידישע שרייבער דאַרפן לעבן. דער האָנאָראַר פאַר די ווערק פון די שרייבער איז געווען אַ גאַנץ גרויסער און ניט שטענדיק האָט מען געקענט נאָכיאָגן די ליניע. מיר זיי־נען באַקאַנט פאַלן פון עטלעכע יידישע שרייבער, וועלכע

ОГИЗ
ГОСУДАРСТВЕННОЕ ИЗД-ВО
„Дер Эмес"

Москва, Старопанский пер. 1.
Тел. К-0-31-71.

אָגיז
מלוכה-פֿאַרלאַג
„דער עמעס"

Расчетный счет в М. Г. К. ГОСБАНКА № 150872

Отдел .... 21 августа 1945 г. № 2874

СПРАВКА.—

Дана тов. Качергинскому Ш.К. в том, что с ним заключен Госудизд-вом "ДЕР ЭМЕС" договор на издание его книги Фольклор „Песни Виленского гетто". .... за № 30/45 от 10 авгус. 45 г

ДИРЕКТОР ИЗДАТЕЛЬСТВА [signature] /Л.Стронгин/
СЕКРЕТАРЬ [signature] /Р.Кац/

Издательство „Дер Эмес"

באַשטעטיקונג „געגעבן חבר קאַטשערגינסקי ש. ו., אַז מיט אים איז געוואָרן געשלאָסן אַן אָפּ־מאַך מיט דעם מלוכה פֿאַרלאַג „דער אמת" אויף אַרויסצוגעבן זײַן בוך פֿאָלקלאָר „לידער פֿון ווילנער געטאָ" אונטערן נומער 30/45 פֿון 10טן אויגוסט 1945 יאָר. פֿאַרלאַג־דירעקטאָר ל. סטראָנגין, סעקרעטאַר ר. קאַץ".

האָבן זייערע ווערק אין משך פון דער מלחמה כסדר איבער־געאַרבעט (לויט דער ליניע) און צום סוף, ווען זייערע ווערק זיינען שוין גרייט געווען צום דרוק, האָט מען זיי גע־מוזט אָפּהאַלטן פון דרוקן, ווייל די ליניע האָט זיך אויף ס'ניי געביטן.

איינער פון די רעדאַקטאָרן פון די אַלע מאַטעריאַלן, דער פּעאיקער שרייבער אָ ר ל אַ נ ד (געשטאָרבן אין סוף 1945), האָט זייער פיל ריזיקירט דורכלאָזנדיק אָפט מאָל די מאַטע־ריאַלן, וועלכע זיינען ניט אַלע מאָל געווען צו דער צייט געשריבענע, כאָטש זיי זיינען געווען גענוג פּאַטריאָטיש, סאָ־וועטיש.

דעם שטעקן האָט מען זיכער אויך איבערגעבויגן דער־מיט, וואָס אין לאָקאַל פון קאָמיטעט אויף דער קראָפּאָטקין־גאַס פלעגן פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט ווערן יידישע קולטור־אימפּרעזעס, וועלכע האָבן ניט געהערט דירעקט צו די רעכט פון קאָמיטעט.

דער ווילן אָבער זיך צוזאַמענצוקומען, זיך צונויפטרעפן מיט יידן, ריידן א ביסל אין די קולוארן איז געווען אַזוי גרויס, אַז פון צייט צו צייט פלעגן אַזעלכע אימפּרעזעס גע־מאַכט ווערן אונטער פאַרשידענע נעמען.

די אייגנטלעכע ארבעט פון קאָמיטעט, האָט ווי געזאָגט, דורכויס געטראָגן א פּראָפּאַגאַנדע־כאַראַקטער. יעדער בריוו, יעדע טעלעגראַמע אין אויסלאַנד אָדער פון אויסלאַנד האָט געמוזט פריער געוויזן ווערן לאָזאָווסקין, וועלכער האָט, אין הסכם מיט די דירעקטיוון פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וואָס ער פלעגט באַקומען, גע־

זאָגט זיין יאָ־ אָדער ניין־וואָרט, אָדער געמאַכט פאַרשיידענע צוגאָב־באַמערקונגען.

אַזוי איז אויך פאַרשטאַנען געוואָרן דורך דער סאָוועטישער רעגירונג די מיסיע פון די צוויי שלוחים אין אויסלאַנד איציק פעפער און שלמה מיכאָעלס.

און אינטערעסאַנט: פון די, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער קאָמיטעט פילט ניט אויס זיין אמתע אויפגאַבע פאַר די לעבנגעבליבענע יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד, איז געווען אויך איליאַ ערנבורג. ער האָט פאַר מיר כסדר געטענהט (וועגן מיינע באַזוכן ביי אים אין שטוב — וויי טער):

„עטאָ ניע יעווריעיסקי קאָמיטעט, עטאָ אַנטי־יעווריעיסקי קאָמיטעט" (דאָס איז ניט קיין יידישער קאָמיטעט, נאָר אַן אַנטי־יידישער קאָמיטעט). ער האָט זיך געקריגט כסדר וועגן דעם מיט עפשטיינען, מיט פעפערן, ביז ער האָט זיך דערווייטערט פון קאָמיטעט און ניט מיטגעאַרבעט מיט זיי. (דאָס האָט ניט, פאַרשטייט זיך, צו דעם, וואָס זיין אונטערשריפט צווישן די מיטגלידער פון קאָמיטעט פלעגט כסדר געגעבן ווערן ביז צום סוף פון דער עקזיסטענץ פון קאָמיטעט. אויף דעם האָט לאָזאָווסקי ניט געפרעגט קיין דערלויבעניש...)

יעדער איינער פון די טוער פון קאָמיטעט האָט מורא געהאַט, טאָמער כאַפּט ער אַריבער די מאָס און טוט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ניט אין הסכם מיט דער ליניע.

איך וואָלט געקענט פיל דערציילן וועגן פינצטערן צימערל אין בנין פון קאָמיטעט, אויפן ערשטן שטאָק, וואו ס'זיינען

געלעגן די יידישע צייטונגען פון אויסלאַנד. בלויז יחידי סגולה האָבן געקענט פון דעם געניסן. אהיים, וואָלט עס, אפילו ווען מען וואָלט געקענט, אויך קיינער ניט גענומען. פלעגן זיך שרייבער אַריינכאַפּן אהער בגנבה, זיך פאַרשפּאַרן און ביי דעם פאַרכמורעטן עלעקטרישן לעמפּל פלעגט מען דורכקוקן דעם ניו־יאָרקער „טאָג" און די...„מאָרגן־פרייהייט".

אַן אָפּצווייג פון דער אַרבעט פון קאָמיטעט איז אויך געווען די יידישע ראַדיאָ־אוידיציע.

דאַכט זיך, וואָס וואָלט געשאַדט, ווען מען זאָל אויך לאָזן הערן די יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד די יידישע אוידיציעס? פאַר וואָס האָט מען יאָ דערלויבט יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס פאַר דער מלחמה? אָבער פרעגן טאָר מען ניט, מען ווייס בלויז, אַז יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס ווערן אָנגעגעבן נאָר פאַר אויסלאַנד (און אין אויסלאַנד מיינט מען זיכער, אַז דאָס קענען הערן אויך די יידן אין ר"פ). איז מיר אויסגעקומען צוויי מאָל אַרויסצוטרעטן פאַרן מיקראָפאָן פון מאָסקווער ראַדיאָ, וואו איך האָב דערציילט די יידן פון אויסלאַנד וועגן ווילנע. אָבער כ'האָב זיך דערביי ניט גוט געפילט, ווייסנדיק אַז די יידן אין ר"פ איז פאַרווערט צו הערן די אוידיציעס.

די יידישע שרייבער האָבן אָבער געהאַט כאָטש דורך דעם די געלעגנהייט „אויסצורייידן זיך" אַבסיל פאַר דער יידישער וועלט. מ אַ ר ק י ש און ב ע ר ג ע ל ס אָ ן, פ ע פ ע ר און האַ ל ק י ן, די איבעריקע יידישע שרייבער און אויך די שרייבער פון פוילן האָבן דורך די 5-10-15 מינוטיקע אוידיציעס געקענט לאָזן הערן זייער שטים לייענענדיק פראַגמענטן פון זייערע שאַפונגען. דאָס אויפ־

טרעטן פארן ראדיאָ איז אויך גוט באַצאָלט געוואָרן, און דאָס איז די שרייבער שטאַרק צו נוץ געקומען.

לויט די געגעבענע מעגלעכקייטן האָט אויך געאַרבעט די יידישע שרייבער־סעקציע ביים פאַרבאַנד פון די סאָוועטישע שרייבער אויף דער וואָראָווסקי־גאַס. פון צייט צו צייט פלעגן זיי אָרגאַניזירן שעפערישע אָוונטן ערגעץ אין אַ צימער פון פאַרבאַנד. זיכער האָבן די אָוונטן, דורך די באַריכטן אין דער אויסלענדישער פרעסע, געהאַט אַ גרעסערן אָפּקלאַנג אין אויסלאַנד ווי אין לאַנד, אָדער אפילו ווי אין מאָסקווע גופא.

די מיטלען ווי אַזוי אָנצוזאָגן די מאָסקווער יידן וועגן אַזעלכע אָוונטן זיינען געווען מער ווי נישטיקע. בלויז אין דער „איינִיקייט" פלעגט וועגן דעם אָנגעזאָגט ווערן (דער ראַדיאָ און די רוסישע צייטונגען פלעגן ניט אָננעמען אַזעלכע מעלדונגען), און אַזוי ווי די „איינִיקייט" פלעגט זיך דרוקן ניט אין אַ גענוגנדיקער צאָל עקזעמפּלאַרן און אין מאָסקווע פלעגן זי באַקומען בלויז אַ קליינע צאָל אַבאָנענטן, פלעגן אויך די באַזוכן אויף אַזעלכע אָוונטן זיין אָפט שוואַכע.

אָבער דאָך פלעגן זיך צו אַזעלכע אימפּרעזעס צונויפקלייבן ס׳גאַנצע שרייבערישע געזינדל און צוזאַמען מיט אַ פּאָר צענדליק סתם־יידן פלעגט זיך גאָר אָפט שאַפן אַ היימישע, האַרציקע, וואַרעמע סביבה.

אַזאַ אָוונט איז דוכט זיך מיר געווען אויך די אימפּרעזע געווידמעט װ י ל נ ע, וואו איך האָב דערציילט וועגן ווילנע בעת דער אָקופּאַציע, וועגן ווילנער יידישע

פּאַרטיזאַנער, און וועגן דער ווילנע פון נאָך די מלחמה־טעג. אין אָוונט האָבן זיך דאַן אויך באַטייליקט פּרץ מאַרקיש, וואָס האָט זיך געהאַט צוריקגעקערט פון ווילנע, וואו ער

פּרץ מאַרקיש צווישן יידישע שרייבער אין ווילנע, 1945
פון רעכטס זיצן: ש. קאַטשערגינסקי, הירש אָשעראָ־ וויטש, פּרץ מאַרקיש, יאַנקל יאַסאַדע.
עס שטייען: מאיר יעלין, אברהם אייזען, י. לאצמאן, שלמה בעליס.

איז געווען א וואָך צייט, אַ. קושניראָוו, וואָס האָט געדינט אין אַ מיליטערישער אָפּטיילונג אין ווילנע, משה בראָדער־ זאָן, חיים גראַדע און אַ. סוצקעווער, וועלכע האָבן געלייענט לידער, געווידמעט ווילנע.

„אַונטע וועגן ווילנע

דעם 24טן מאַרט איז אין מאָסקווער שרייבער־הויז פאָרגעקומען אַן אָוונט, געווידמעט ווילנע.

אויפן אָוונט זיינען געקומען שרייבער, קולטור־טוער און אַ סך ווילנער תושבים, וואָס געפינען זיך איצט אין מאָסקווע.

דער דיכטער פרץ מאַרקיש, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט צוריק באַזוכט ווילנע, האָט דערציילט וועגן דעם יידישן לעבן אין דער באַפרייטער הויפטשטאָט פון ליטע.

אין ווילנע זענען איצט פאַראַן ביי פיר טויזנט יידן. אַ גרויסער טייל פון זיי האָט אין דער צייט פון דער דייטשישער אָקופּאַציע געקעמפט אין די פאַרטיזאַנער מחנות.

פאַר די 8 חדשים זינט ווילנע איז באַפרייט געוואָרן, האָט דאָס יידישע לעבן אָנגעהויבן צוביסלעך אויפלעבן. דאָרט פונקציאָנירט אַ יידישע שול, וווּ עס לערנען זיך 200 יידישע קינדער. לויט דער באַשטימונג פון די מלוכה־אָרגאַנען וועט די דאָזיקע שול פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ צעניאָריקער. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ יידישער מוזיי.

דער דירעקטאָר פונעם ווילנער יידישן מוזיי ח׳ ש. קאַטשער־גינסקי, וואָס איז אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע געווען אַן אַקטיווער פאַרטיזאַנער, האָט דערציילט וועגן דעם העלדישן קאַמף פון די ווילנער יידישע פאַרטיזאַנער.

— ווילנע, — זאָגט קאַטשערגינסקי, — וועט שטענדיק גע־דענקען בערל יאַכיי פון סווענציאַן; דאָס יונגע בחורל איציק רוד־

ניצקי און אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן אַנטיילגענומען אין אויפֿ־רייסן צענדליקער דייטשישע עשאַלאָנען מיט געווער און סאָלדאַטן; איציק בלאַט פון גלובאָק האָט אַרויסגעראַטעוועט פיל יידן פון געטאָ — ער האָט זיי אַריבערגעפירט אין די פּאַרטיזאַנישע מחנות. קאַטשערגינסקי שטעלט זיך אָפּ אין זיין וואָרט אויף דער פראַגע, פאַרוואָס האָבן זיך געראַטעוועט אַזוי ווייניק יידן.

— די דייטשן, — זאָגט ער, — האָבן גלייך פונעם ערשטן טאָג אָן צוגענומען די סאַמע יינגסטע און פעאיקסטע מאַנצבילן, אַזוי, אַז אויסער פרויען, קינדער און זקנים איז אין געטאָ געבליבן גאָר אַ קליינע צאָל קאַמפּספעאיקע מענטשן. די פולשטענדיקע איזאָלירטקייט פון דער געטאָ האָט געמאַכט כמעט פאַר אוממעג־לעך צו קריגן געווער. דאָך האָבן אַ סך יידן געפונען מיטלען, ווי אַזוי בייצוקומען די דאָזיקע שוועריקייטן.

ש. קאַטשערגינסקי אַליין האָט אַרומגעבלאָנקעט איבער דער אָקופּירטער ליטע מיט אַ פּוילישן פּאַספּאָרט אויפן נאָמען וואַציק יאַדזשעיעוויטש. געפינענדיק זיך אין געטאָ און שפּעטער אין דער פּאַרטיזאַנישער מחנה, האָט קאַטשערגינסקי צוזאַמען מיט אברהם סוצקעווער און אַנדערע חברים געראַטעוועט אַ סך קול־טור־אוצרות פון „ייוואָ", פון פאַרשיידענע מוזייען און ביבליאָ־טעקן. איצט ווערן די אַלע אוצרות צונויפגעזאַמלט אין ווילנער יידישן מוזיי.

אויפן אָוונט איז אויך אַרויסגעטראָטן דער דיכטער קושניראָוו, וואָס איז מיט אַכט חדשים צוריק אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אַריינגעטראָטן קיין ווילנע.

ח' קושניראָוו האָט דערציילט וועגן דעם לעבנסווילן, וועגן דער גרייטקייט פון די באַפרייטע יידן אויפצובויען אַ ניי לעבן. מען דאַרף מיט אַלע כוחות זיי העלפן אין דעם.

— די יידישע שול אין ווילנע, — זאָגט קושניראָוו, — דאָס איז אַ מין צענטער, וווהין עס קומען טאַטעס און מאַמעס, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע קינדער. זיי קומען הערן אַ קינדערש קול, הערן אַ קינדערש געלעכטער.

י. דאָברושין טראָגט אַריין אַ פאָרשלאַג, אַז די יידישע שרייי־בער זאָלן אָנהייבן אַרבעטן איבער „אַ בוך פון רום". דאָס דאַרף זיין אַ ווערק, וואָס זאָל באַווייזן די העלדישקייט, דעם קאַמף פון די יידן קעגן פאַשיזם.

אויפן אָוונט האָבן פאָרגעלייענט זייערע לידער די ווילנער דיכטער א. סוצקעווער און חיים גראַדע, וועלכע זענען זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורכן פאַרזאַמלטן עולם.

א. וויטין."

(„אייניקייט, מאָסקווע, שבת, 31 מאַרט 1945 יאָר (136) (24)

דער ווייטיקדיקסטער ענין ביי די יידישע שרייבער, ווי בכלל ביי די יידן אין גאַנצן לאַנד, איז דאַן געווען: פאַר וואָס קוקט זיך די ראַטן־רעגירונג ניט אום אויף די צעמאַטערטע יידן? פאַר וואָס לייגט ניט קיין אַכט די ראַטן־רעגירונג אויף די קולטור־באַדערפענישן פון די יידן?

די בעסטע זאַך וואָלט געווען, האָט זיך זיכער ניט איינער געטראַכט, ווען מען קען דערגיין צו סטאַלינען אַליין, אויסלייגן פאַר אים די גאַנצע לאַגע, ער וועט זיכער זען, אַז מען איז לגבי די ענינים פון יידן אומגערעכט. ניט איינער האָט אָבער צוריקגעטראַכט: ווייסט דען ניט סטאַלין וועגן דעם? מען האָט אפילו דערציילט, אַז ניט איין שרייבער האָט געשריבן בריוו צו סטאַלינען וועגן דעם, אָבער אין קול ואין עונה, אויך ביי זשדאַנאָוון, וואָס איז דאַן געווען דער דירעקטער ממונה אויף די ענינים, האָט זיך ניט איינגעגעבן אויפגענומען צו ווערן. איז געווען דעריבער אַ גרויס גליק, ווען מען האָט זיך דערוואוסט, אַז לאַזאַר מאָיסעיעוויטש קאַגאַנאָוויטש איז

גרייט אויפצונעמען א דעלעגאציע פון יידישן אנטיפאשיס־טישן קאמיטעט.

בלויז געציילטע טוער האבן זיך באראטן ווי אזוי צו פרעציזירן פאר קאגאנאוויטשן די ענינים וואס מען דארף באריחן. מען האט צווישן זיך א סך דיסקוטירט און לסוף באשלאסן זיך אפצושטעלן אויף צוויי וויכטיקע ענינים: נאכן באקאנען אים מיט דער געשאפענער לאגע פון די יידן און פון די יידישע שרייבער אין לאנד, בעטן אים, אז די פארטיי זאל באוויליקן, אז די „איינקייט" זאל אנשטאט דריי מאל אין וואך ארויסגיין ווי א טאג־צייטונג און אז עס זאל באוויליקט ווערן איין יידישער חודש־זשורנאל.

ווי ס'איז צו זען, איז דאס געווען א פשוטע, וויניקער נאך ווי א באנציע־שוויינ־בקשה. וועגן מ ע ר האט מען אפילו ניט געהאט די דרייסטקייט צו ריידן.

און אט איז מען ענדלעך ביי קאגאנאוויטשן.

אויפגענומען האט ער די דעלעגאציע (מיכאעלסן און פעפערן) זייער פריינטלעך. ס'איז געווען פאר אים א נייעס א סך זאכן, וועגן וואס די דעלעגאציע האט אים פרטימדיק דערציילט. גאר געוואונדערט האט ער זיך, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז די יידישע שרייבער האבן אפילו ניט קיין איין אויסגאבע זיך צו רעפרעזענטירן פארן לאנד און פאר דער וועלט. ער האט טאקע דעריבער צוגעזאגט צו ריידן מיט זשדאנאוון וועגן דערלויבן ארויסגעבן א יידי־שע טאג־צייטונג און א יידישן חודש־זשורנאל.

צופרידענע פון דער אויפנאמע און פון צוזאג זיינען די דעלעגאטן אוועק פון קאגאנאוויטשן. מען איז געווען זיכער,

ייִדישער אנטי־פאשיסטישער קאמיטעט אין ראטנפארבאנד

מאסקווע, קראפאטקין־גאס, נומער 10. טעלעפאנען: Г-6-71-00, Г-6-47-07

Еврейский Антифашистский Комитет в СССР
Москва, улица Кропоткина, № 10
Телефоны: Г-6-71-00, Г-6-47-07

Jewish Antifascist Committee in the USSR
Moscow, ulitsa Kropotkina, № 10
Telephone: Г-6-71-00, Г-6-47-07

18/X 1945 г.

ליבער ש. קאטשערגינסקי!

[illegible]

אייער איציק פעפער

אַ בריוו פון איציק פעפער צו ש. קאַטשערגינסקי

אַז היינט־מאָרגן וועט אָנקומען אַן אַרויסרוף אין צ״ק פון דער פּאַרטיי, וואו עס וועלן געגעבן ווערן די גענויע אינס־טרוקציעס וועגן די ביידע אויסגאַבעס.

האָט מען גערעדט און מען האָט געהאָפט. זיינען אַוועק וואָכן און חדשים און יאָרן. זשדאַנאָוו איז פאַר דער צייט געשטאָרבן, אָבער ווען ער וואָלט געלעבט, וואָלט דער ענין אויך ניט דערליידיקט געוואָרן. ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז די פּאַרטיי האָט קיין שום אינטערעס ניט זיך צו פאַרנעמען מיט יידישער אַרבעט.

ניט ביי איין יידישן טוער האָט זיך דאַן געשטעלט אַ האַרבערע שאלה: ווי אַזוי איינצוהאַלטן ד י אָ ר ע מ־ק ייט, וואָס עס איז שוין פאַראַן, וואָס איז דערלויבט, נעמלעך די שוואַכע „אייניקייט״, דעם דלותדיקן „עמעס־פאַרלאַג און די עטלעכע יידישע טעאַטערן. (וואָס שייך די צוויי פיר־קלאַסיקע שולן אין קאָוונע און ווילנע און די שול אין טשערנאָוויץ, האָט מען פאַרשטאַנען, אַז „דאָס איז אויף דערווייל״.)

דאָס איז געווען זייער אַ האַרבע שאלה צו פאַרענטפערן אין דער פּראַקטיק. האַרב... ווייל אַזוי האָבן זיי געוויס פאַ־רויסגעפילט, געשפּירט, כמעט קיינער אין דער וועלט און אויך זיי, די יידיש־סאָוועטישע שרייבער, האָבן ניט גע־רעכנט, אַז אַזוי גיך זאָל קומען צו אַזאַ שוידערלעכן סוף.

אַף דער סטאַראָפּאַנסקע־געסל נומער 1 האָט זיך גע־פונען דער „עמעס״־פאַרלאַג. ניט איין מאָל בין איך דאָרט געווען. עס ליגט נאָך ביי מיר אַ קאָנטראַקט וואָס איך האָב געהאַט געמאַכט מיטן פאַרלאַג וועגן אַרויסגעבן מיינע אַ

זאמלונג. אויך דאָ בין איך געבליבן אַ געפּלעפּטער, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַהער אַריינגעקומען. פינצטערע, שמאָלע טרעפּ, אַ פינצטערער קאָרידאָר, און אויך אין דעם ענגן קאָרידאָר געהערן ניט אַלע צימערן צום פאַרלאַג. עטלעכע צימערן פאַרנעמט גאָר אַ ביוראָ פון אַ שניידער־קאָאָפּעראַטיוו.

אָבער כאָטש אין אָרעמקייט, האָט דאָך דער פאַרלאַג בראָש מיטן ענערגישן אָנפירער ס ט ר אָ נ ג י ן, אויסגעפירט איינע פון די וויכטיקסטע קולטור־שליחותן אויף דעם יידישן קולטור־געביט ניט נאָר פאַר דער יידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די קאָלאָסאַלע שוועריקייטן ביים אָנפירן און רעדאַגירן אַ פאַרלאַג אין ראַטן־פאַרבאַנד קענען ווידער געננג פאַרשטיין נאָר ד י, וועלכע האָבן געהאַט צו דעם אַ שייכות, וועלכע זיינען דאָרט געווען. אָ, וויפל מאָל אַזעלכע אָנפירער צי רעדאַקטאָרן האָבן זיך שוין אויף דעם וועג אויסגעגליטשט. און כאָטש פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַרויסלאָזן אַ בוך צום דרוקן איז דאָך דער ג ל אַ וו ל י ט (סאָוועטישע צענזור), זיינען אויך די שרייבער ווי די רעדאַקטאָרן און אַרויסגעבער קיין מאָל ניט געווען זיכער, צי זיי האָבן ניט דורכגעלאָזן עפּעס „ט ר יי פ ס". אָבער צי דאָס בוך וועט ניט ווערן אויס כשר אין 10 צי אין 20 יאָר אַרום און זיי וועלן דאַרפן טייער באַצאָלן.

ס'וועט נאָך אַ מאָל זיכער געשריבן ווערן וועגן דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער צענזור, ערשט דאַן וועט

מען זיך קענען דערוויסן שטיינענדיקע פּרטים פון אָט דער האַלב־סודותדיקער אינסטיטוציע.

ווען דייטשלאַנד איז אָנגעפאַלן אויף דעם ראַטן־פאַר־באַנד און די נאַציס זיינען דערגאַנגען ביז מאָסקווע, האָט זיך אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט פונאַנדערגעבושע־וועט אַן אַנטימלוכהשער און אַנטי־יידישער פּאָגראָם. מען האָט געבראָכן שויבן פון מאַגאַזינען, פון הייזער, מען האָט גערויבט, מען האָט געשלאָגן און ביז וואַנען די מאַכט האָט איינגעשטעלט די אָרדענונג איז בינו לבינו אויך חרוב גע־וואָרן די דרוקעריי פון „עמעס"־פאַרלאַג.

זייער שווער איז אָנגעקומען דערנאָך דעם פאַרוואַלטער אויפצושטעלן די דרוקעריי איבער אַ ניים. אָבער די ליבע און די איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט פון אַ ריי פריינד פון דער יידישער קולטור האָט די אינסטיטוציע אָפּגעבויט. מען האָט זיך געשטיקט אין די ענגע צימערלעך. מען האָט זיך געשטיקט אין דער ענגער זעצעריי. מען האָט געמוזט אַריבערטראָגן דרוקן דעם זאַץ אין אַנדערע דרוקערייען, אָבער די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן. ס ט ר אָ נ ג י ן, די שרייבער פ א ל ק אָ ו י ט ש, פ ר ו מ ק י ן ר ו י ט־מ אַ ן און דער טעכנישער פּערסאָנאַל האָבן אַלץ געטאָן כדי די אַרבעט פון פאַרלאַג זאָל קלאַפּן און צוזאַמען מיט זיי איז די יידישע שרייבער־משפחה געווען צופרידן, הערנ־דיק אַז אַמעריקאַנער יידן האָבן אַרויסגעשיקט אויף פאַרן „עמעס"־פאַרלאַג אַ נייע דרוק־מאַשין. און אָט איז אָנגע־קומען די דרוק־מאַשין. אָבער עס איז ניט געווען וואו זי צו שטעלן און מען האָט זי אַריינגעשטעלט אין אַן אַנדער

דרוקעריי און צו יידן איז דאָס קיין מאָל שוין נישט אָנגע־קומען, אַזוי ווי עס זיינען כמעט ווי נישט דערגאַנגען צו זיי טויזנטער פּאַקעטן מיט שפּייז און קליידער פון אויס־לאַנד.

אויפן אַדרעס פון קאָמיטעט פלעגן אָנקומען צענדליקער וואַגאָנעס בגדים פון אויסלאַנד פאַר דער יידישער באַפעל־קערונג פון ראַטן־פאַרבאַנד. קיין מאָל האָט אָבער דער קאָמיטעט זיי ניט געקענט אָפּנעמען. ווען איך האָב זיך באַ־קלאָגט, אַז ווילנער יידן, קינדער און פרויען, גייען אַרום האַלב נאַקעטע, האָבן טוער פון קאָמיטעט געפּרואווט איינ־טערווענירן, מען זאָל כאָטש אַרויסגעבן אַ 500 קאָמפּלעטן בגדים פאַר ווילנער קינדער. און ווי אַ סך אַנדערע זאַכן, האָט זיך אויך די אינטערווענץ געענדיקט מיט גאָרניט.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך דעם יידישן טעאַטער האָב איך ניט אויסגעלאָזן. געשטעלט האָט מען דאַן אַ מאָנטאַזש פון יידישע פאָלקסלידער, אויפגעשטעלט פון מ. שניאור א״י „פריילעכס״. גראָד דעם אָוונט, וואָס איך בין געווען, איז געווען אין טעאַטער אַ סענסאַציע. עס זיינען געקומען זען די פאָרשטעלונג די ג ע וו ע ז ע נ ע סאָוועטישע די־פּלאָמאַטן אין אויסלאַנד, די יידן ל י ט וו י נ אָ וו און מ אַ י ס ק י, צוזאַמען מיט זיי איז אויך געקומען ל אָ־ז אָ וו ס ק י מיט זיין טאָכטער.

די טעאַטער־טרופּע און די שפּיל האָט זיך מיט גאָרניט אַרויסגעהויבן פון אַ פּשוטער פאָרשטעלונג פון יידישע טעאַטער־טרופּעס אין פּוילן. אָבער „פריילעכס״ האָט גע־צויגן טאָג־איין, טאָג־אויס אַ גוואַלדיקן עולם צוליב די יידי־

שע פאָלקסלידער, ניגונים, טענץ און סצענעס פון אַמאָליקן שטייגער־לעבן. ס׳איז געווען אַ מין ר ע ווי פון ליד און טאַנץ, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַן אַמאָליקע יידישע חתונה. דער עולם האָט גוואַלדיק הנאה געהאַט און מען פלעגט גיין זען און הערן די פאָרשטעלונג ניט איין מאָל.

לויטן אויסדרוק אויף די פּנימער פון די יידישע דיפּלאָ־מאַטן האָב איך באַמערקט, אַז זיי זיינען אויך צופרידן, כאָטש ווען דער פאָרהאַנג פלעגט זיך אַראָפּלאָזן און דער עולם האָט אַפּלאָדירט, האָבן זיי די צופרידנקייט דורכן אַפּלאָדירן ניט אַרויסגעוויזן.

שפּעטער צו האָט דער יידישער טעאַטער באַקומען אפילו איינע פון די סטאַלין־פּרעמיעס פאַר דער „פריילעכס"־אויפפירונג. איך וויל ניט זיין קיין נביא, נאָר אויב די סאָ־וועטישע קריטיק לאָזט ניט צו רו דעם טויטן מיכאָעלס, האָב איך שטאַרק מורא, אַז מען וועט זיך נעמען אויך צום ספּעקטאַקל „פריילעכס" וואָס ער האָט רעזשיסירט, אפילו ווען די פאָרשטעלונג איז פּרעמירט געוואָרן. אַזעלכע פּאַסי־רונגען אין סאָוועטישן לעבן זיינען שוין געווען.

מען האָט געבענקט צו די צייטן פון דער... יעווסעקציע. איך האָב זיך צוערשט געוואונדערט, אָבער מען האָט מיך סוף כל סוף „איבערצייגט". איך האָב פאַרשטאַנען די פאַר־ענטפערונגען: אַז ווען די יעווסעקציע איז געווען, האָט עס געהייסן, אַז די רעגירונג און די פּאַרטיי געפינען איין, אַז ס׳איז נייטיק אַן אַרבעט אויף דער יידישער גאַס און דערי־בער האָבן זיי געפונען פאַר נייטיק צו שאַפן אַ „יעווריעס־קאַיאַ סעקציאַ" (יידישע סעקציע"), כדי די וועלכע שטייען

ОГИЗ
)СУДАРСТВЕННОЕ ИЗД-ВО
„Дер Эмес"

Москва, Старопанский пер., 1.
Тел. К-0-31-71.

עגיז
מעלוכע-פארלאג
„דער עמעס"

Расчетный счет в М. Г. К. ГОСБАНКА № 150072

Отдел ________________ 4. августа 1945 г. № 383

СПРАВКА.-

Дана писателям ОШЕРОВИЧУ Г.Ш. и КАЧЕРГИНСКОМУ Ш.В. в том, что Государственным издательством "ДЕР ЭМЕС" им поручено составить книгу об участии евреев в партизанском движении на территории Литовской ССР.

Государственное издательство "ДЕР ЭМЕС" просит все соответствующие организации и учреждения дать возможность вышеуказанным товарищам пользоваться нужными архивными и прочими материалами.

ДИРЕКТОР ГОСУД.ИЗДАТЕЛЬСТВА
"ДЕР ЭМЕС" /Л.Стронгин/

באַשטעטיקונג „געגעבן די שרייבער אָשעראָוויטש ג. ש. און קאַטשערגינסקי ש. וו., אַז דער מלוכה־פאַרלאַג „דער אמת" האָט זיי באַפולמעכטיקט צונויפ־צושטעלן אַ בוך וועגן אָנטייל פון יידן אין דער פּאַרטיזאַנער באַוועגונג אויף דער טעריטאָריע פון דער ליטווישער ססר.
דער מלוכה־פאַרלאַג „דער אמת" בעט אַלע געהעריקע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס געבן די מעגלעכקייט די אויבנדערמאָנטע חברים, אויס־נוצן די נויטיקע אַרכיוון און אַנדערע מאַטעריאַלן. דירעקטאָר פון מלוכה־פאַרלאַג „דער אמת" ל. סטראָנגין."

בראש פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן אָנפירן מיט פון פאָראויס באַשטימטע אַרבעטן צווישן די יידישע מאַסן. די טוער פון אָט דער סעקציע האָבן דעריבער געטאָן פאַרשיידענע קול־טור־אויפקלערערישע אַרבעטן אויף דער יידישער גאַס.

אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינען דאַן דערשינען אַ ריי יידישע טאָגצייטונגען, זשורנאַלן, צענדליקער יידישע שולן, אינ־סטיטוטן, קאַטעדרעס, טעאַטערן און דאָס גלייכן.

דער באַרג־אַראָפּ פון דער יידישער קולטור, האָבן מיר אָבער געזאָגט די קדיש־זאָגערס נאָך דער יעווסעקציע, האָט זיך אָנגעהויבן אין ראַטן־פאַרבאַנד דאַן, ווען די פּאַרטיי האָט באַשלאָסן די יעווסעקציע פונאַנדערצולאָזן. דאַן, הייסט עס, האָט די רעגירונג באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין ניט וויכטיק צו פירן קיין באַזונדערע אַרבעט אויף דער יידישער גאַס.

איך האָב ניט געוואָלט ווי טאָן מיינע יעווסעקציע־פּאַרטיידיקער, נאָר אין געדאַנק איז מיר דורכגעשוואומען נים־ווילנדיק די יידנראַטן אין אַ ריי געטאָס, וועל־כע האָבן אונטערן דרוק פון די נאַצים מיטגעהאָלפן חרוב מאַכן אַ ריי געטאָס און דערנאָך זיינען זיי אַליין אויך אומ־געקומען.

איך וויים, אַז ווי די מערסטע אָנפירער פון די יידנראַטן האָבן אויך געווים די מערסטע אָנפירער פון דער יעווסעק־ציע געגלייבט, אַז ס'וועט זיך זיי דאָך איינגעבן וואָס צו ראַטעווען. אין אָט דעם ווילן זיינען פיל נכשל געוואָרן און אומגעקומען פאַר דער באַשטימטער צייט. אָבער די אַר־בעט פון די ביידע מינים יידנראַטן און זייער איי־

גענער סוף ביי דיביידע רעגירונגס־סיסטעמען איז דאָך גע־
ווען דער זעלבער: ל י ק וו י ד א צ י ע.

ניט דאָ איז דאָס אָרט צו משפטן די יידנראַטן אין נאַצי־דייטשלאַנד און אין ראַטן־פאַרבאַנד, ס׳איז צו אַ קאָמ־פּליצירטער ענין כדי עס אַזוי אויבנאויפיק צו באַהאַנדלען. ווען מען זאָל זיי דאַרפן משפטן, וואָלטן דאָך צוערשט גע־דאַרפט געמשפּט ווערן אויך די רעגירונגס־סיסטעמען, וואָס האָבן געבראַכט, אפילו די גרעסטע גייסטער, צו די גרעסטע מענטשלעכע נסיונות, ביז צום אויסקלייב: לעבן אָדער טויט, פרייהייט אָדער פאַרשיקונג, זיין צוזאַמען מיט דער משפּחה אָדער ווערן אויף אייביק צעשיידט. איך ווייס ניט, צי מענ־טשן, וועלכע זיינען נ י ט געווען אין אָט די באַדינגונגען, קענען געוויס אַריינדרינגען אין אָט דעם קאָמפּליצירטן לאַ־בירינט פון מענטשלעכע לעבנס. אָבער אינעווייניק, אין ז י ך זיינען סוף־כל־סוף מענטשן די זעלביקע ווי זיי זיינען פריער געווען, גוטע אָדער שלעכטע, בייזע אָדער צוגעלאָזענע.

אַ ביישפּיל פון אָט דעם געזאָגטן האָבן איך פאַר זיך גע־האַט, ווען איך בין בייגעווען אין יענער צייט אין מאָסקווע אויף דער קאָנפערענץ פון די פּוילישע יידן אין ראַטן־פאַר־באַנד.

צו די פּוילישע יידן זיינען דאַן אויך געקומען זיך אָנוואַ־רעמען די יידישע סאָוועטישע שרייבער. וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די דערעפענונגס־זיצונג, ווען דער חזן משה קוסעוויצקי (איצט אין אַמעריקע) האָט געמאַכט אַן אל מלא רחמים נאָך די פאַרשניטענע מיליאָנען יידן. דער פּולגעפּאַק־טער עולם אין זאַל איז צוזאַמענגעבראָכן געשטאַנען און יאָ־

מערלעך געוויינט און העכער פון אַלע האָט זיך געטראָגן דער געיאָמער פון יידישע שרייבער פון ראַטן־פאַרבאַנד. דער איינדרוק איז געווען אַ דערשיטערנדיקער.

אנטקעגן וואָס איך דערצייל עס? קעגן דעם, מען זאָל ניט משפּטן פון ווייטן מענטשן, ניט פּרואוונדיק פריער אַריינדרינגען אין די טיפסטע טיפענישן צו זיי. ס׳איז מיר דאָן אויסגעקומען זיך איבערצייגן, אַז ס׳איז נאָך קיין מאָל ניט געווען אַזוי צוגעפּאסט דאָס באַקאַנטע ווערטל „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו” (זאָלסט ניט משפּטן דיין חבר, ביז וואַנען דו ועסט ניט זיין אויף זיין אָרט), ווי דאָן, ווען איך בין געווען אויף דער קאָנפערענץ פון די פּוילישע יידן אין מאָסקווע, אָדער ווען איך האָב זיך נעענטער באַקאַנט מיטן לעבן, שאַפן און אַנדערע פּרטים, וועלכע האָבן געהאַט אַ שייכות מיט די יידישע שרייבער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

און אַז איך בין שוין באַקאַנט געוואָרן מיט אַלע יידישע שרייבער, אַקטיאָרן און טוער פון יידישן מאָסקווע, האָב איך שטאַרק געוואָלט זיך אויך זען און דורכשמועסן זיך מיט „אונדזער” א י ל י א ע ר נ ב ו ר ג ן, וועלכער איז אין יענער צייט געווען פון די באַרימטסטע פּערזענלעכקייטן, מיט וועמען אויך מיר, יידן אין לאַנד האָבן זיך שטאַרק געגרויסט.

ביי ערנבורגן

געוויס האָבן די לייענער געהערט, אָבער עס שאַדט ניט איבערצודערציילן נאָכאַמאָל:

אין מאָסקווע האָט זיך מיט אַ געוויסער צייט צוריק אָנגעהויבן אויך אַ קאַמפּאַניע קעגן ערנבורגס בוך „שטורעם”.

און אַז מען זוכט און מען געפינט נ י ט, מ ו ז מען, אויב מען ד אַ ר ף, עפּעס געפינען. די „קריטיקער" האָבן אָנגע־הויבן אַטאַקירן פאַרשיידענע שטעלן פון זיין בוך און פאַר איין וועגס האָט מען זיך אַ נעם געטאָן אויך צו זיינע איבע־ריקע ווערק. אויך די ביוראָ פון די סאָוועטישע שרייבער האָט גענומען אַ וואָרט אין דעם ענין. ס׳איז צונויפגערופן גע־וואָרן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון די מאָסקווער שרייבער, וואו אויך ערנבורג איז געקומען, כדי „שעפּעריש" צו באַהאַנ־דלען זיינע ווערק.

דער בעל־דבר זיצט זיך אויבן־אָן, אָבער פאַררוקט אין אַ ווינקל און הערט זיך צו, ווי עס פליען אויף זיין אַדרעס די שוין באַקאַנטע ווערטער פון סאָוועטישן „קריטיקער"־לעקסי־קאָן. מען זשאַלעוועט אים נישט. אויף דעם פּערדל האָבן זיך דאָ אַרויפגעכאַפּט דער עיקר די יעניקע, וועלכע האָבן שוין פון אַ לאַנגער צייט זיך געוואָלט מיט אים אָפּרעכענען, וועל־כע האָבן נישט געקענט צוזען ערנבורגס עולה לגדולה ווערן. און ווען קען מען דען האָבן דערצו אַ געלעגנהייט ווי אין אַזאַ מאָמענט?

אין גאַנג פון דער דיסקוסיע בעט אויך דער אָ נ ג ע־ג ר י פ ע נ ע ר אַ וואָרט.

ע ר נ ב ו ר ג שטעלט זיך אויף און הייבט שטיל אָן:

— חשובע חברים, איך דאַנק אייך זייער פאַר אייערע וויכטיקע באַמערקונגען וועגן מיין שאַפונג. איך האַלט אָבער, אַז סאָוועטישע שרייבער און קריטיקער וואָלטן זיך אויך באַ־דאַרפט צוהערן צו דער שטים פון פאָלק, פון די לייענער־מאַסן. און אַט וועל איך אייך פאָרלייענען אַ בריוו פון אַזאַ

לייענער צו מיר, וואָס איך האָב די טעג באַקומען. ערנבורג נעמט אַרויס פון בוזעם־קעשענע זיין פּאַלאַרעס, נעמט אַרויס פון דאָרט אַ פּאַפּיר. דער עולם שרייבער קוקט אויף אים מיט אומצוטרוי און אַפילו מיט חוזק. ס'הייסט, „וועמען וויל ער דאָ אַרייננאַרן?" נאָר ערנבורג לייענט שוין: — „טייערער איליאַ ערנבורג, איך האָב נאָר וואָס פאַרענדיקט לייענען אייער בוך „שטורעם". ס'איז מיר זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן. שרייבט ווייטער לטובת דער סאָוועטישער ליטעראַטור. — ס ט א ל י ן".

ערנבורג האָט זיך גלייך צוגעזעצט אויף זיין אָרט. עס איז געוואָרן אַן אומגעוויינלעכע קאָנסטערנאַציע אין זאַל. אַ מהומה. פּנימער זיינען בלייך געוואָרן. ניט איינער פון די רעדנער האָט זיך פאַרשאַלטן דאָס לעבן, וואָס ער האָט גע־רעדט. דאַקעגן די איבעריקע, וועלכע האָבן נאָך נ י ט גע־האַט גערעדט, האָבן גליקלעכע שוין ד ע ר נ אָ ך דערוויזן, ווי טיף קינסטלעריש און סאָוועטיש ערנבורג איז אין זיינע ווערק און וואָס פאַר אַ פעלערן דאָ האָבן געמאַכט די פריער אַרויסגעטרעטענע רעדנער...

עס מאַכט זיך ניט זעלטן אין מאָסקווע, ווען די אָפיציעלע אינסטאַנצן ווילן אויספּרובירן די שטימונג ביי זייערע ביר־גער. דאָס ווערט געטאָן אָפט אויף אַ גראָבן אופן. איך האָב שוין דערמאָנט וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט דורכגעפירט צווישן ייִדן־פליטים אָפיציעלע רעגיסטראַציעס, ווער עס וויל פאָרן אין זיין וואוינאָרט, און דערנאָך האָט מען אַלעמען פאַרשיקט קיין סיביר. אַזוי ווערט אויך פון צייט צו צייט אויסגעפאָרשט די פּאַטריאָטישקייט פון דער סאָוועטישער

אינטעליגענץ, וואָס אַ בולטער ביישפּיל דערפון איז אויבן געוויזן געוואָרן.

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען צו ערנבורגן אין שטוב, איז געווען עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי אין מאָסקווע האָט מען גערעדט, אַז סטאַלין האָט אָנגעקלונגען צו ערנבורגן אין שטוב און אים אויסגעדריקט אָנערקענונג פאַרן בוך „דאָס פאַלן פון פּאַריז". מען האָט גערעדט וועגן דעם וואָכן־לאַנג און מען האָט געזען אין דעם אַ סימן, אַז ערנבורג שטייט פעסט אויף זיינע פּראָמינענטע פּאָזיציעס.

דאָס האָט אים אויך צוגעהאָלפן צו באַקומען אויף דער חשובער גאָרקי־גאַס נומער 8 אַ דירה. אָבער צוליב דעם וואָס די דירה האָט זיך געפונען אויפן זעקסטן שטאָק און דער עלעוויִיטער האָט, ווי געוויינלעך, זייער אָפט ניט געאַרבעט, האָט ער, זיין פרוי און טאָכטער ווי אַלע איבעריקע איינוואוי־נער פון הויז און די געסט, וואָס פלעגן קומען צו אים, גע־האַט אַ גאַנץ שווערע אַרבעט ביז וואַנען זיי פלעגן אַרויפגיין די צענדליקער טרעפּ. אָבער דאָס גליק צו באַקומען אַן עט־לעכע צימערדיקע דירה אין סאַמע האַרץ פון מאָסקווע האָט איבערגעוואויגן אַזעלכע קלייניקייטן.

דריי מאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיין ביי ערנבורגן אין שטוב און שטענדיק האָב איך אים געטראָפן אַרומגע־גערינגלט מיט בערג בריוו, וואָס ער פלעגט באַקומען פון גאַנצן לאַנד.

טאַקע פון אָט דער קאָרעספּאָנדענץ פלעגט זיך אויך אָנ־הייבן אונדזער שמועס. ער דערציילט, וואָס פאַר אַ גוואַלדי־קער היסטאָרישער מאַטעריאַל די בריוו זיינען. ער ווייזט אַ

יידישע שרייבערס אומגעקומענע און פאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן.



משה ליטוואַקאָוו

דוד האָפשטיין

אין 1930 זיינען אין פוילן דערשינען אויף יידיש 22 טאָג־צייטונגען, 70 וואָכנבלעטער און 39 חודש־זשורנאַלן (דאָס אַלץ האָבן שפּעטער פאַרניכטעט די נאַציס). אין דער זעל־בער צייט זיינען אין סאָוועט־רוסלאַנד דערשינען אויף יידיש 35 פעריאָדישע אויסגאַבעס, צווישן זיי 3 טאָג־צייטונגען (דאָס אַלץ האָבן די ס אָ וו ע ט ן פאַרניכטעט).

די ציפערן גענומען פון דער ייד. ענציקלאָפּעדיע יידן, באַנד ג׳.

אַנאַ ראָזנטאַל

ז. ווענדראָף

גרויסן בוך, וואו אלע בריוו און אלע מאטעריאלן, וואָס ער באקומט פון גאנצן לאנד וועגן די שחיטות אויף דער יידי־שער באפעלקערונג זיינען אין אָרדענונג אויסגעלייגט, און וואָס מען קען זיך פון זיי דערוויסן. אין שמועס קומט מיר אויס צו באַרירן דעם ווייטערדיקן ענין, פאַר וואָס די סאָוועטישע באפעלקערונג, וועלכע איז געווען אָקופּירט פון די דייטשן האָט מיט גאָרנישט געהאָלפן די יידן, נאָר פאַרקערט, גאָר אַ גרויסער טייל פון זיי, דער עיקר די יוגנט, האָט גאָר געהאָלפן די דייטשן אין די שחיטות.

ערנבורג האָט וועגן דעם גאנץ געני גענוי געוואוסט. ער האָט אָפּזיפּצנדיק געשוויגן אַ ווײַלע און דערנאָך אַרויסגעצויגן אַ קאָפּיע פון זיינעם אַ בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו אַ פּויער אין אוקראַינע, אַ פּויער וואָס האָט אויסבאַהאַלטן אַ יידיש מיידעלע.

— זיינען אייך באַקאַנט, חבר ערנבורג, אַ סך אַזעלכע פאַלן? — פרעג איך.

— ליידער, ליידער... — האָט ער געענטפערט.

ס'איז פאַר אים שוין נישט געווען קיין איבעררּאַשונג די מאָרד־באַציאונג פון דער סאָוועטישער באַפעלקערונג לגבי די סאָוועטישע יידן.

ניט ווייניקער איבעררּאַשונג האָב איך אים אָבער גע־מאַכט, ווען איך האָב אים דערציילט וועגן מיינע איבערלע־בונגען אין די וועלדער. דאָס האָט אים זייער אינטערעסירט. ווייל מיט די העלדנטאַטן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער האָט ער זיך זייער אַ סך אָפּגעגעבן. ער האָט מיר אפילו גלייך מיט שטאָלץ אָנגעוויזן אויף אַ צוועלפיעריקער יידישער מיידעלע

פון פינסק, א פּאַרטיזאַנקע, וועלכע ער האָט אדאָפּטירט און ער און זיין פרוי פרוואוון פאַרבייטן דאָס מיידעלע אירע אויסגעמאָרדעטע עלטערן.

ערנבורג האָט זיך זייער אינטערעסירט ווי אַזוי עס לעבן די יידן אין ווילנע, ווי אַזוי עס לעבן דאָרט די יידישע פּאַרטיזאַנער. (ער איז געווען הינטער ווילנע ווען פאַר דער שטאָט זיינען נאָך געגאַנגען קאַמפן און זיך געטראָפן דאָרט מיט די קעמפנדיקע יידישע פּאַרטיזאַנער.)

ער האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט, וואָס איך דערצייל און אויך ער איז געווען ביי דער מיינונג, אַז די מאַכט־אָרגאַנען אין ליטע פירן ניט אויס די באַפעלן פון דער צענטראַלער מאַכט בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. ער האָט דעריבער מיך פאַרבונדן מיט אַ הויכן באַאמטן פון ס אָ וו נ אַ ר מ ב י ו ר אָ, פאַר וועמען איך האָב ווידער אַלץ אויסדערציילט. דער לעצטער האָט צוגעזאָגט מיך צו פאַרבינדן מיט דעם פאַרוואַלטער פון די קולטור פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

פאַר אַזאַ באַגעגעניש האָב איך זיך שוין אַליין אויך איבערגעשראָקן. וועל ווייס, האָב איך געטראַכט, צי איך זאָל דאָרט זאָגן דעם גאַנצן אמת, אָדער צי זאָל איך זיך אָפּשטעלן בלויז אויף עטלעכע פון די סאַמע וויכטיקסטע פונקטן און... און אפשר בין איך גאָרניט ד ע ר וואָס דאַרף רעפּרעזענטירן דעם יידישן ישוב אין ליטע... איך האָב אָבער דערנאָך אויפגעהערט מער צו טראַכטן וועגן דעם, ווייל מען האָט מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס'איז נאָך ניט קיין ראיה, אַז איך

זאָל אויפגענומען ווערן אין אזא פּלאַץ, וואָס איז דער וויכטיק־סטער אין גאנצן לאנד.

אויפן דריטן טאָג האָט מען געקלונגען צו מיר אין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אז ס׳איז פאַר מיר אויף מאָרגן 11 אזייגער פרי אָפּגעלייגט אין איינע פון די פענצטערלעך פון דער פּראָפּוסקן־ביוראָ (דערלויבענישן־ביוראָ) פון צ״ק פון דער פּאַרטיי אַ דערלויבעניש אריינצוגיין אין איינעם פון די בנינים פון צ״ק צו דער חברטע פּ ע ט ר אָ ס י אַ ן. איך בין גלייך אריין צו די טוער פון קאָמיטעט זיך אַן עצה האלטן וואָס איך זאָל פאָדערן.

קיינער האָט מיר אָבער קיין קלאָרן ענטפער ניט געגעבן. כמעט יעדער האָט מיר געעצהט איך זאָל זאָגן וואָס איך פאַר־שטיי אליין. האָב איך באשלאָסן צו זאָגן אלץ אזוי ווי עס איז. דעם גאַנצן אמת. קיין זאַך ניט פאַרשוויינגן.

צו דער באשטימטער צייט בין איך שוין געווען אין דער גרויסער פּראָפּוסקן־האַלע. נאָך אַ געוויסער חקירה־ודרישה פון מיינע דאָקומענטן, איז מיר ארויסגעגעבן געוואָרן די דערלוי־בעניש.

האָט ניט צו טאָן מיט דער עצם טעמע, ווי אזוי איך בין ענדלעך דורכגעגאַנגען די מיליטערישע קאָנטראָל.

איך האָב זיך געפונען אין ניט קיין גרויסן צימער מיט אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן. איר שווארצער קאָפּ האָר איז דורכגעפעדעמט שוין מיט גרויען זייד. איר טונקעלער פּנים און אויך די פאַמיליע אירע — פּעטראָסיאַן — זאָגט, אז זי דאַרף זיין אַן ארמענערין. קען אָבער זיין, אז איך מאַך אַ טעות.

זי ווייס שוין ווער איך בין, פון וואַנען איך קום, זי פרעגט מיך, ווי איז דורכגעגאַנגען מיין רעפּעראַט אין שרייבער־הויז וועגן ווילנע, ווי האָב איך דורכגעלעבט די אָקופּאַציע־צייט, מיט וואָס פאַרנעם איך זיך איצט. עס געפעלט מיר איר איידעלער טאָן. נאָכן ענטפערן אויף אירע פראַגעס, זאָגט זי מיר דאָן:

— נו, און איצט, חבר קאַטשערגינסקי, דערציילט. דערציילט אַלץ, שטערט זיך ניט. זשאַלעוועט ניט קיין פּרטים, צייט האָט איר דאָך?

נו, האָב איך אָנגעהויבן פון סאַמע בראשית איבערגעבן אַלץ וואָס איז מיר געלעגן אויפן הארצן, דערציילט אַלץ, אַלץ, אַלץ. און זי איז געזעסן קעגן מיר, געקוקט מיר אין די אויגן אריין, פון צייט צו צייט עפּעס פאַרצייכנט, איבערגעפרעגט וואָס און ווידער געהערט.

ווען איך האָב געענדיקט, האָט זי מיך געפרעגט, וואָס מיין איך קען זיין די סיבה פון אָט דעם אַלעמען, וואָס איך האָב דערציילט. איך האָב געענטפערט, אַז לויט מיין מיינונג ווילן דערמיט די רעגירונגס־ און פּאַרטיי־אינסטאַנצן אין ליטע צוציען די מערהייט פון דער ליטווישער באַפעלקערונג, וואָס איז אנטיסעמיטיש, צו זיך. איך זע אָבער ניט — האָב איך צוגעגעבן — אַזאַ אַזאַ סיסטעם זאָל זיין אַ גערעכטער.

— איך זע דאָס ניט איין! — האָט גלייך צוגעגעבן די פרוי פּעטראָסיאַן — און וואָס זאָגט אויף דעם ס ו ס ל אָ וו? צי ווייס ער פון דעם אַלעמען? ער איז דאָך, ווי איר ווייס, געשיקט געוואָרן פון אונדז אָנצופירן מיט דער אַרבעט אין ליטע.

דאָס קען איך אייך ניט זאָגן, ווייל צו חבר סוסלאָוון איז זייער שווער אָנצוקומען — האָב איך געענטפערט.

— וועל איך אייך געבן א בריוול צו אים. — האָט זי גלייך טאקע אָנגעהויבן שרייבן — וויפל יידן זיינען איצט פאראַן אין ווילנע און קאָוונע?

— ביי 5 טויזנט אין ווילנע און 3-4 טויזנט אין קאָוונע און שאַוול.

— הכלל, אָט האָט איר דאָס בריוול. איך שרייב צו סוס־לאָוון, אז ס׳איז א וויכטיקער פּאָליטישער ענין און ער זאָל אייך אויפנעמען. איך מיין, אז עס וועט אלץ אויפגעקלערט ווערן. סיידן... — זי האָט זיך א ווײלע פארטראַכט און שוין ביי דער טיר צוגעגעבן — סיידן מען וועט דארפן די יידן פון ליטע פאַר דער אַלגעמיינער זאַך מקריב זיין!

איך בין ארויס פון איר מיט דער האָפענונג, אז עפּעס וועט זיך דאָך מוזן איצט א ריר טאָן. ס׳איז דאָך ניט קיין קלייניקייט, אויפגענומען צו ווערן אין צ״ק פון דער פּארטיי און באַקומען פון דאָרט א בריוול צו סוסלאָוון אַליין. (איצט איז דער זעלבער סוסלאָוו איינער פון די סאַמע וויכטיקסטע פיגורן אין דער פּאָליטביוראָ).

איך האָב וועגן דעם באַזוך איבערגעגעבן אין קאָמיטעט און אויך ערנבורגן, וואָס איז געווען זייער פאראינטערעסירט צו וויסן וואָס מען האָט מיר אין צ״ק געענטפערט.

און מיט האָפענונג בין איך צוריקגעפאָרן קיין ווילנע.

צערונענע האָפענונגען

ווי נאָר איך בין אראָפּ פון באַן אין ווילנע און געקומען אין מוזיי, האָט מען מיך אויפגענומען מיט אַן אַלאַרמירנדי־קער ידיעה:

דער „סאָיוזאוטיל" האָט לענגער ניט געקענט וואַרטן ביז וואַנען מיר וועלן צונעמען די עטלעכע צענדליק פּעק מאַ־טעריאַלן און נייטיקנדיק זיך אין אַ פּלאַץ, האָט ער אַלע מאַ־טעריאַלן אין אַ וואַגאָן פון דרייסיק טאָן (70 טויזנט פונט) אָפּגעשיקט אויפן באַן, וואו זיי דאַרפן היינט־מאָרגן געלאָדע־וועט ווערן אין די וואַגאָנעס כדי ווי מאַקולאַטור איבערגע־שיקט צו ווערן אין פּאַפּיר־פאַבריקן אויף פּאַפּיר.

איך בין גלייך אַוועקגעלאָפן אויף דער סטאַנציע און גע־פונען ביי דער ראַמפּע אָנגעוואָרפן צענדליקער פּעק אַרומ־געבינדענע מיט בלעכענע פּאַסן. איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון עטלעכע ערטער, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און דער־זען אין איין אָרט — אַ כתב־יד פון אַ טעאַטער־פּיעסע, פון אַ צווייטן — אַ ספרל פון חייקל לונקים ביבליאָטעק, פון אַ דריטן — אַ העפט פון אַ ביאָגראַפיע פון אַ יוגנטלעכן גע־שריבן פאַרן קאָנקורס, וואָס דער ייוואָ האָט איינגעאָרדנט צווישן די יוגנטלעכע פאַר דער מלחמה.

איך בין אַרויף צום דירעקטאָר פון דער סטאַנציע און נאָכן פאָרשטעלן זיך, אַ פרעג געטאָן:

— ווען ווערט געלאָדן דער מאַטעריאַל צום אָפּשיקן?

— ווען עס וואָלטן געווען וואַגאָנעס, וואָלט עס נאָך נעכטן אוועק.

— צי ווייסט איר וואָס דאָ געפינט זיך?

ער האָט אויסגעגלאָצט אויף מיר די אויגן:

— וואָס הייסט צי איך ווייס... מען זעט ניט? פּאַפּיר־אָפּפאַל.

— ניין, חבר דירעקטאָר, דאָ ליגן אוצרות, און איר מוזט עס אָפּהאַלטן אַרויסשיקן ווייטער. ליידער האָבן מיר דער־ווייל ניט קיין טראַנספּאָרט דאָס צוצונעמען.

— ווען איר וואָלט אפילו יאָ געהאַט טראַנספּאָרט, גע־הערט עס שוין אויך ניט מער צו אייך און אפילו ניט צו מיר. דער מאַטעריאַל געהערט שוין איצט דער צענטראַלע פון „סאָ־יוזאוטיל" אין מאָסקווע.

— וואָס זשע בלייבט מיר צו טאָן, חבר דירעקטאָר? — פרעג איך ווייטער א באַאומרואיקטער.

— ווענדט זיך צום צ"ק פון דער פּאַרטיי אין ליטע.

איך בין אפילו אין שטוב ניט אַוועק. גלייך בין איך אַריין אין פּראָפּוסקן־ביוראָ פון צ"ק אויף דער מיצקעוויטש־גאַס, געבעטן מיך פאַרבינדן מיט זימאַנען און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. צו מיין צופרידנקייט האָט ער מיר פאַרזי־כערט, אַז ער שיקט תיכף אַרויס אַ קאָמיסיע פעסטצושטעלן וואָס דאָרט טוט זיך.

אויף מאָרגן בין איך ווידער אַוועק צו דער באַן־סטאַנציע. עטלעכע אַרבעטער האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז די קאָמיסיע וואָס איז באַשטאַנען פון 2 ליטווינער, האָבן ניט געבעטן פונאַנדערפּאַקן אפילו איין פּאַק. זיי האָבן בלויז פון אויבן אַ קוק געטאָן אויף די איינגעשמוצטע צעריסענע פּאַ־פּירן און זיינען אַוועק גאָרניט זאָגנדיק.

בין איך ווידער אוועקגעלאָפן צו זימאַנען און אים ניט געטראָפן. אויף מאָרגן האָט ער אויף מיר אָנגעשריען (אין טעלעפאָן), איך זאָל אים אויפהערן צו דרייען אַ קאָפּ.

איך האָב אָבער ניט איינגערוט און ווידער אוועק צו דער באַן־סטאַנציע. צו מיין אומגליקלעכער איבערראַשונג איז שוין אָבער די ראַמפּע געווען ליידיק. די פּעק זיינען פאַרטאָג אוועקגעפירט געוואָרן אין אַן „אומבאַקאַנטער ריכטונג".

וואָס טוט מען? וואָס טוט מען?

איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אָנצושרייבן אַ בריוו צום יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע און אַ בריוו צו ערנבורגן. ביז היינטיקן טאָג ליגט נאָך ביי מיר אַ קאָפּיע פון אַזאַ בריוו. עס וועט זיכער זיין אינטערעסאַנט פאַר די לייענער צו ברענגען דעם פולן טעקסט פון בריוו:

„ליבער איליאַ ערנבורג,

כאָטש קיין וועזנטלעכע נייעס איז ניטאָ ביי אונדז, דאָך האַלט איך פאַר מיין חוב, אייך באַקאַנט צו מאַכן:

1. די קאָמיסיע ביים יידישן מוזיי פאַרן שוואַרצבוך איז געשאַפן געוואָרן, וועגן וואָס עס האָט אייך שוין געשריבן דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע ח' אַ ש ע ר אָ ו י ט ש.

אין דער נאָענטסטער וואָך וועט אייך אַרויסגעשיקט מאַטעריאַלן און פאָטאָס. עס וואָלט געווען געוואונטשן, איר זאָלט אונדז צושיקן אייערן אַ בריוו מיט אַ בקשה צו די מאַכט־אָרגאַנען אונדז מיטצוהעלפן אין דער אַרבעט ביים באַקומען מאַטעריאַלן, פאָטאָגראַפירן אָביעקטן, דאָקומענטן אד"גל.

יידישע שרייבערס אומגעקומענע און פֿאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תפיסות און לאַגערן.

משה קולבאַק

דוד בערגעלסאָן

„די סאַמע עקזיסטענץ פון דעם יידישן פֿאָלק ווערט באַדראָט אין אַ ריי לענדער. די יידישע שפּראַך, די יידישע קולטור, די מיטן בלוט און מאַרך פון די יידישע פֿאָלקס־מאַסן אויסגעבויטע יידישע קולטור־אַנשטאַלטן, די יידישע קולטור־טוער זיינען דער קעגנשטאַנד פון שטענדיקע רדיפות אין פֿאַרשידענע לענדער. וואָרים די שונאים ווייסן גוט, אַז קולטור איז אַן אויסגעפּרוווט געווער אין קאַמף פון אַ פֿאָלק פֿאַר זיין נאַציאָנאַלן קיום. זיי האָבן זיך דעריבער פֿאַרמאָסטן אונטערצוגראָבן, אויסצוראָטן, פֿאַרניכטן די יידישע קולטור, צוזאַמען מיט אירע טרעגער, צוזאַמען מיטן פֿאָלק". („יידישע קולטור", ניו־יאָרק, נאָוועמבער 1947)

אויב ניט די לענדער הינטער דעם אייזערנעם פֿאָרהאַנג, וועלכע דען אַנדערע לענדער, האָט דאָס דער זשורנאַל פון איקוף געקענט מיינען?



דער נסתר



ד"ר י. צינבערג

2. דעם בריוו פון צקווק"פ(ב) האָב איך איבערגעגעבן דעם ח' סוסלאָוו. אויפגענומען מיך האָט ער אָבער דערווייל נאָך ניט, צוליב דעם וואָס ער האָט געדאַרפט אַרויספאָרן אויף דער סעסיע.

3. כ'האָב זיך דערוואוסט, אַז די ווילנער אָפּטיילונג פון „סאָיוזאוטיל" האָט אַרויסגעשיקט ביז 30 (דרייסיק) טאָן מאַקולאַטור אין אַ פּאַפּיר־פאַבריק, אָבער אין דער מאַקולאַ־טור געפינט זיך אַ ריזיקע צאָל אוצרות: ביכער, כתב־ידן און אַרכיוו־מאַטעריאַלן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטי־טוט, סטראַשון־ביבליאָטעק, ביבליאָטעק פון חייקל לונסקי א"אנד. דעם מאַטעריאַל האָבן די דייטשן אויפגעזאַמלט און געוואָלט פאַרניכטן. די רויטע אַרמיי האָט אים געראַטעוועט. און איצט, צוליב דעם, וואָס דער מוזיי האָט ניט געהאַט קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייטן אים צוצונעמען, האָט מען עס אָפּ־געשיקט אין דער פאַבריק. כ'האָב וועגן דעם געמאָלדן דעם צקווק"פ(ב) פון ליטע, דעם ח' זימאַן (צווייטער סעקרעטאַר פאַר פּראָפּאַגאַנדע). און כאָטש ח' זימאַן האָט געשיקט מענטשן אַ קוק צו טאָן די מאַטעריאַלן, האָט מען זיי אין ווילנע ניט איבערגעלאָזן.

דער בעל־הבית איבער אַלץ איז דער „סאָיוזאוטיל" אין מאָסקווע, אויף דער ב. טשערקאַסקי־גאַס נומער 6, פאַר־וואַלטער איז ו ו י י נ ע ר.

כ'בעט אייך וועגן דעם אָננעמען אַלע מיטלען, כדי די אוצרות זאָלן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין שפּייז פאַר די פּאַ־פּיר־מאַשינעס.

א בריוו װעגן דעם שיק איך אַרויס אויף דעם יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מאָסקווע.

4. פון נאַרקאָמפּראָס (בילדונגס־מיניסטער) האָב איך נאָך אַלץ ניט קיין שום מאַראַלישע און מאַטעריעלע אונטערשטיצונג פאַרן מוזיי, אַזוי װערן צוליב די מאַטעריעלע און מאַראַלישע סיבות אַ סך זאַכן װאָס האָבן אַ שייכות צו יידישע קולטור־װערטן — חרוב, פאַרניכטעט און פאַרלוירן.

עס גריסן אייך די װילנער קולטור־טוער ביי װעמען איר זייט ליב און טייער.

מיט פריינטשאַפט

ש. קאַטשערגינסקי

װילנע, 1945.23.4

איך האָב מיט אומגעדולד געװאַרט אויף רעזולטאַטן פון מיינע בריװ. איך האָב אַלץ געװאַרט, אַז סולאָװ זאָל מיך אויפנעמען. (דעם בריװ פון פּרוי פּעטראָסיאַן האָב איך איבערגעגעבן סוסלאָװס סעקרעטאַר, װעלכער האָט צוגעזאָגט מיר מודיע זיין, װען סוסלאָװ װעט קומען און װעט גרייט זיין מיך אויפנעמען.)

די שװעריקייטן זענען געװאַקסן. פון פאַרלייכטערונגען האָט שוין קיין רייד ניט געקענט זיין.

עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אונטער דער צייט, אין נאָמען פון דער שרייבער־גרופּע, אויפצורופן עטלעכע פאַרזאַמלונגען אין גרעסערע זאַלן, װאו עס זיינען געקומען טויזנטער יידן. גיך האָט מען זיך אויך געכאַפּט אויף דעם „טריק" אונדזערן און אָנגעהויבן מאַכן שװעריקייטן אין דעם.

אָבער מיר לאָזן די אַרבעט ניט נאָך. מיר ווילן דער־האַלטן דאָס וואָס עס איז שוין פאַראַן, כאָטש — אוי, ווי שווער דאָס קומט אונדז אָן!

מיט אַ מאָל זאָגט מען מיר אָן, אַז פון גלאַווליט (צענזור) זוכט מען מיך. איך האָב ניט געדאַרפט גיין אַהין, ווייל גיך האָט דער זוכער, אַ באַקאַנטער ווילנער שטעפּער־אַרבעטער אַ ל ט ע ר ח כ ם, מיך געפונען. ער פירט מיך גלייך אַוועק צו זיין דירעקטאָר, וועלכער ווייזט מיר אַ טעלעגראַמע וואָס לייענט זיך:

„תיכף טעלעגראַפירן וואָס פאַר אַ מאַטעריאַלן דער „סאָ־יוזאוטיל" האָט אַרויסגעשיקט אין די פּאַפּיר־פאַבריקן. אַלעק־סאַנדראָוו".

— קענט איר עפּעס זאָגן וועגן דעם? — פרעגט ער מיך בייזלעך.

איך דערצייל אים די גאַנצע געשיכטע פון מיינע אינ־טערווענצן.

— און ווי אַזוי ווייס וועגן דעם מאָסקווע?

— ניט קענענדיק גאָרניט פועלן ביי די היגע פּאַרטיי־אישע אינסטאַנצן, האָב איך וועגן דעם געשריבן צום יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, צו ערנבורגן... און איך האָב גלייך אויך צוגעגעבן — און צום חבר סטאַלין.

— וואָס? צו סטאַלינען האָט איר געשריבן?! — האָט ער זיך ווי מאַכטלאָז צוריקגעזעצט אויפן שטול. — טאָ, וואָס, טייערער חבר, האָט איר דאָס געדאַרפט?

איך האָב גלייך דערפילט, אַז דער נאָמען סטאַלין האָט מיך דאָ געראַטעוועט. ווייל וואָלט איך זיך באַגנוגנט מיט די

ערשטע צוויי, וואָלט איך גאָר שלעכט אָפּגעשניטן צוליבן גיין א י ב ע ר די קעפּ פון די טוער אין ליטע צו מאָס־קווע. אָבער, ווען איך האָב אַרויסגעזאָגט, אַז איך האָב גע־שריבן אויך צו סטאַלינען, בין איך שוין געווען זיכער, אַז ער וועט ניט וואַגן צו זאָגן מיר אַ וואָרט קעגן דעם, פאַרקערט, לויט זיינע ווייכע רייד און דעם רופן מיך „טייערער חבר" האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ניט וואַגן מיר וואָס שלעכטס צו טאָן.

— הייסט עס, אַז איר האָט געשריבן אויך צו סטאַלינען...

— קען ער זיך אַלץ ניט באַרואיקן. — און פאַר וואָס זייט איר צוערשט ניט געקומען צו מ י ר?

— איך האָב ניט געוואוסט, אַז איך דאַרף וועגן דעם גיין צו אייך. איך האָב געמיינט, אַז דער צ"ק פון דער פּאַרטיי וועט אַלץ דערליידיקן. קען מען ניט טעלעגראַפירן, אַז מאָס־קווער „סאָיוזאוטיל" זאָל אָפּהאַלטן די ע ק ז ע ק ו צ י ע איבער די מאַטעריאַלן?

— ס'איז שוין פאַרפאַלן. ס'איז שוין ניטאָ קיין פּאַפּירל פון דעם...

ביי די ווערטער האָב א י ך זיך שוין אָוועקגעזעצט און ניט געקענט מער אויסריידן אַ וואָרט. „אַלץ פאַרפאַלן... אַזוי ווי אין קרעמאַטאָריע, ניטאָ שוין..." האָבן געדראַנקען מיך כסדר געמאַטערט.

האָט מען וועמען באַשטראָפט דערפאַר?

ניין, קיינעם ניט, כאָטש אַלעקסאַנדראָוו האָט, ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, געדראָט, אַז „ס'וועלן פליען צוליב דער מעשה קעפּ". געפלויגן איז ע ר טאַקע שפּעטער,

אָבער גאָר צוליב אַן אַנדער מעשה, צוליב זיינעם אַ בוך איבער פילאָסאָפישע פּראָבלעמען, וואו ער ווייזט אָן, אַז דער מאַרק־סיזם האָט זיין ווירקונג אויף דער וועלט אויך צו פאַרדאַנקען אַביסל מערב־איראָפּע.

אָבער איך האָב זיך שוין געדאַרפט איצט באמת היטן. איך האָב געפילט, אַז לענגער אַזוי גיין איבער די קעפ פון די טוער אין ליטע און בכלל צו פיל דרייען זיי אַ קאָפּ וועגן יידישע ענינים ווערט באַטראַכט ווי שעדלעכער נאַציאָנאַליזם.

איך האָב דערפילט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו טאָן פאַר קיין יידישע קולטור־טוער אין דער אייביק טייערער ווילנע. מיר פילן זיך דאָ פרעמד. אפילו דער ליטווישער נאָמען פון דער שטאָט „ווילניוס" קלינגט פרעמד. (ווי ווילד עס קלינגט די באַצייכענונג „ווילניוסער גאון".) די יידישע שרייבער איז מען מזכה פון צייט צו צייט מיט אַן איבערזעצונג אויף ליט־וויש, דאַקעגן די ליטווישע שרייבער, צווישן זיי אַ גרויסער טייל, וועלכע האָבן געדינט די נאַצישע אָקופּאַנטן, זיינען גע־וואָרן גאַנצע מיוחסים, אַזוי ווי נאָך אַ סך אַזעלכע מיוחסים אויף אַנדערע געביטן פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

ס'איז ניט קיין וואונדער דעריבער, וואָס די צאָל פאַרשרי־בענע יידן אָוועקגעפאָרן פון ווילנע קיין פוילן איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַלץ גרעסער. די נאָך ניט פאַרשריבענע גייען אַרום ווי מבולבלע. זיי ווייסן ניט וואָס צו טאָן? זיי האָבן דאָך געמיינט, אַז וואַר־וואו, אָבער אין ווילנע וועט זיך איינ־געבן צו שאַפן אַ יידיש־נאַציאָנאַל לעבן און צום סוף גייט צום סוף אפילו דאָס ווייניק פאַראַנענע.

TIESA
LIETUVOS KP(b)
CENTRO KOMITETO ORGANAS
ОРГАН ЦК КП(б) ЛИТВЫ
REDAKCIJA IR ADMINISTRACIJA
РЕДАКЦИЯ и АДМИНИСТРАЦИЯ
Vilnius, Radvilaitės g-vė 1, tel. 214
Nr. 93

Vilnius, 1944 m. сентября mėn. 28 d.

Командировочное удостоверение

Внештатный корреспондент органа ЦК КП(б) Литвы газ. «Тиеса» тов. Качергински Ш. В. направляется в район гор. Швенченис по поручению редакции.

Командировочное удостоверение действительно по 3 октября 1944 г.

Р. Шармайтис
Редактор «Тиеса»

אַ באַשטעטיקונג פון ש. קאַטשערגינסקי פון דער ליטווישער טאָגצייטונג „טיעסאַ" (אמת) אין ווילנע (פון 28טן סעפּטעמבער 1944), אָרגאַן פון צ. ק. פון דער קאָמפּאַרטיי, ווו ער ווערט געשיקט ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון דער צייטונג אין שטאָט סווענציאַן. אונטערגעשריבן רעדאַקטאָר ר. שאַרמייטיס.

ב ל יי ב ן — הייסט דאָך, אויב אזוי, נאַציאָנאַלער אומ־קום. לייענענדיק נאָר ליטווישע אָדער רוסישע צייטונגען (די „אייניקייט" פון מאָסקווע האָט דאָך ניט געקענט פאַרבייטן קיין יידישע צייטונג אָדער יידישן זשורנאַל), שיקן די קינ־דער אין ליטווישע אָדער רוסישע שולן, פאַרגעסן הייסט עס, אז מען איז אַ ייד, קלאָרער געזאָגט: ווערן אַ ל י ט וו י ן!

צוליב דעם זיינען מיר לעבן געבליבן? פאַר דעם האָבן מיר געקעמפט?

און טאַמער איז נאָך ווייניק וואָס מיר זעען אליין צו, ווי עס ווערט ניט דערלאָזן קיין שפּור פון יידישן נאַציאָנאַלן קיום, זיינען נאָך ווי אַ צולאָג דערצו דערגאַנגען צו אונדז די ידיעות, דערציילטע פון סאָוועטישע יידן, ווי אזוי מען האָט נאָך פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן פאַרמאַכן די ערשטע קלאַסן פון די יידישע שולן אין אוקראַינע, וואָס האָט געמיינט אין אַ געוויסער צייט אַרום די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון די שולן. ווי אזוי איז פאַרמאַכט געוואָרן די יידישע טאָג־צייטונג דער „עמעס" אין מאָסקווע... אַז אין בירא־בידזשאַן זיינען פאַראַן בלויז 10־11 טויזנט יידן און אַז „אויך ד י זיצן אויף די טשעמאָדאַנעס", און אַז דאָרט איז קיין יידישע שול ניט פאַראַן; אַז דער דאָרטיקער טעאַטער שפּילט מער אין רוסיש ווי אין י י ד י ש... און נאָך און נאָך אַזעלכע שוידער־לעכע ידיעות.

מיר פרייען זיך שוין אפילו ניט מיט דער ידיעה, אַז עס איז אָפיציעל באַשטימט געוואָרן אַ „יידישער מוזיי אין ווילנע". און דערביי ווערט געגעבן דאָס רעכט צו האַלטן אין מוזיי גאַנצע... דריי (3) מיטאַרבעטער. דאָס הייסט, אַז וועגן

פונאנדערשפרייטן אַ געהעריקע אַרבעט קען שוין קיין רייד ניט זיין.

דאַקעגן אָבער קומען שפּעטער צו דונערדיקע קלעפּ: עס קומט דער באַרימטער אַקטיאָר אַ ב ר ה ם מ אָ ר ע וו ס ק י, וואָס איז ערגעץ אין דער מלחמה־צייט פאַרוואָגלט געוואָרן אויף אוראַל. ער קומט אין זיין געבורט־שטאָט ווילנע, אין דער שטאָט, וואו ער האָט מיטגעשאַפן די באַרימטע „ווילנער טרופּע". ער וויל (און די גרעסטעוועטע יידן אין ווילנע ווילן הערן) אַרויסטרעטן מיט אַ יידישן וואָרט־קאָנצערט אין גרויסן שטאָטזאַל צי אין אַן אַנדער זאַל און די מ אַ כ ט ד ע ר ל ו י ב ט נ י ט.

עס העלפן ניט קיינע אינטערווענצן. ער פאָרט אַ פאַרשעמטער צוריק אַוועק אין דער פאַרוואָרפנקייט שפּילן טעאַטער אין רוסיש.

און אָט קומט אַן אַנסאַמבל בראש מיט דער יידישער וואָדעוויל־אַרטיסטין אַ נ נ אַ ג ו ז ש י ק.

גרויסע פּלאַקאַטן אויף די גאַסן זאָגן אָן, אַז דער אַנסאַמבל גיט 10 פאָרשטעלונגען אין רוסיש און די לעצטע צוויי פאָרשטעלונגען אין יידיש. צו די לעצטע צוויי פאָרשטעלונגען זיינען אויספאַרקויפט אַלע בילעטן. יידן גאַרן הערן אַ יידיש וואָרט.

און קומענדיק אין טאָג פון די יידיש־פאָרשטעלונגען צום טעאַטער, איז דער זאַל פאַרמאַכט. מען דערלויבט ניט שפּילן אויף יידיש. מען טעלעפאָנירט אין צ"ק, מען טעלעגראַפירט אין מאָסקווע, דער אַנסאַמבל פאָרט צוריק. ס'איז פאַרווערט צו שפּילן יידיש טעאַטער.

איך פּרואוו נאָך מזל און באזוך דעם פּרעזידענט פון דער ליטווישער רעפּובליק פּ אַ ל ע צ ק י ס. אַ וואוילער, פיינ־פילנדיקער מענטש. ער פאַרשטייט אונדזער טרויעריקן געמיט, ער פאַרשטייט די שוועריקייטן. ער פאַרנאָטירט ביי זיך אַ ריי פון מיינע אָנקלאַגעס, אָבער ער זאָגט מיר פאַראויס:

— חבר קאַטשערגינסקי, איך קען אייך ניט צוזאָגן, ווי ס׳וועט וואָס ווערן פון דעם.

ניט־ווילנדיק קומט מיר אויפן געדאַנק די מאַכט וואָס פּרעזידענטן פון אַנדערע מלוכות האָבן, און ווי נישטיק ס׳איז די ראָל פון אַ פּרעזידענט פון אַ ראַטן־רעפּובליק.

צו סוסלאָוון קען מען זיך ניט דערשלאָגן. אָט איז ער דאָ און אָט פליט ער אין מאָסקווע. מען גיט מיר אָבער צו פאַרשטיין, אז ווען ער וואָלט געהאַט אינטערעס מיך אויפ־צונעמען, וואָלט ער שוין געפונען צייט דערצו.

יידן אין ווילנע ווערן מער און מער. עס קומען אַהער סאָוועטישע יידן, עס קומען אַהער יידן פון ליטע, עס איז שוין פאַראַן אַ קיבוץ פון 10־12 טויזנט יידן אין שטאָט. אָבער ווי ל נ ע ר יידן ווערן ווייניקער און ווייניקער. זיי, ווי פּוילישע בירגער, האָבנדיק די מעגלעכקייט אוועקצופאָרן, נוצן אויס די מעגלעכקייט און פאָרן צוזאַמען מיט די פּאָ־לאַקן פון ווילנע אַוועק.

די איבעריקע יידן, די ניט־פּוילישע בירגער, זיינען מקנא. הונדערטער פון זיי לאָזן זיך אויף געהיימע וועגן שוואַרצן די נאָך ווייניק באוואַכטע סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ. ניט ווייניק פון זיי ווערן געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סיביר.

די ווילנער גרויסע אַלטע שטאָט־שול, וואָס איז געווען

אין איר אַרכיטעקטור איינע פון די וויכטיקסטע יידישע היס־טאָרישע דענקמעלער אין פוילן, האָט זיך ניט געקענט דער־וואַרטן, מען זאָל זי רעמאָנטירן, האָט זי זיך אונטערגעגעבן און איז זיך צעפאַלן...

איך טראַכט: ווען ווילנע וואָלט זיך איצט געפונען אין אַן אַנדער לאַנד, וואָלט דאָך דאָ שוין אַ יידיש לעבן פון לאַנג געבורויזט, דאָ איז ווייזט אויס דאָס יידיש־לעבן פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג.

ווי קען איך קוקן אָן ווייטיק אויף דעם יידישן מוזיי? וואָס וועט ווערן מיט די אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָ?

אָט ליגט אָנגעוואָרפן אויפן הויף פון מוזיי אין אַ סקלאַד אַ בארג מיט ביכער, צייטונגען, דאָקומענטן. ס'איז ניטאָ אפילו די מינימאַלסטע מיטלען אוועקצוזעצן עטלעכע מענטשן די מאַטעריאַלן צו סעגרעגירן און אויסלייגן אין אָרדענונג. רינט אַריין אָפּט אין סקלאַד וואַסער. מייז טוען זיך דאָס זייעריקע. שוידערלעך, שוידערלעך.

וואָס וועט זיין פון געטאָ־אַרכיוו, וואָס מיר האָבן אין אַזוי פיל סכנות געזאַמלט און אויסבאַהאַלטן:

זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זיין
אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין?

ניט־ווילנדיק, מיט ווייטיק אין האַרצן, דערמאָנט זיך משה לייבס שורות און זיין בייסיקער ענטפער:

אוודאי אונדזער גאָרטן, וואָס דען, ניט אונדזער
גאָרטן?

און ווי מאָדנע ווילד דאָס זאָל ניט קלינגען: מיר, אַ גרור־

פּע טוער, קומען צום געדאַנק, אַז מען מוז אויך פון דאַנען די אוצרות ראַטעווען! אַז ניט, וועט עס פאַרשווינדן, אומקומען. אין בעסטן פאַל, וועט עס די ליכטיקע שיין פון דער ידישער וועלט ניט דערזען.

אָבער דאָס ראַטעווען די מאַטעריאַלן האָט אין זיך ניט וויניקער סכנות פאַר אונדזערע לעבנס, היינט ווי בימי הנצי. אָבער ווי צעשיידט מען זיך מיט דעם? אליין אוועקפאָרן און דאָס אַלץ דאָ איבערלאָזן? ס'איז דאָך פאַר אונדז דאָס זעלבע, ווי מען וואָלט פון אונדז געפאָדערט אָפּטיילן דעם גוף פון דער נשמה.

און צו מיר, ווי צום דירעקטאָר פון מוזיי, קומען טאָג־איין טאָג־אויס אַגענטן פון נקווד און פרעגן זיך נאָך, צי איך האַלט זיך שטרענג ביי די באַפעלן ניט ארויסצוגעבן לייענען אָדער פאָרשן די מאַטעריאַלן, ווען זיי זיינען נאָך ניט דורכגעקוקט פון גלאַווליט (צענזור), און צי האָט שוין דער גלאַווליט דורכגעקוקט די ביכער פון אונדזער ביבליאָטעק. אָט דערזעט אַן אַגענט צוויי יאָרגענג פון דייטשישע, ליטווישע און פּוילישע צייטונגען, וואָס זיינען דערשינען אין דער אָקופּאַציע־צייט. דער אַגענט „באָרגט" עס כלומרשט, ווייל ער דאַרף דאָס דורכקוקן צו זען וואָס זיי האָבן געשריבן. אָבער מער זעען מיר זיך שוין ניט מיט דעם.

די אַגענטן פרעגן מיך, פאַר וואָס האָב איך ניט געמאָלדן, אַז קאָוונער איז אוועקגעפאָרן, אַז רוזשקע (קאָרטשאַק) איז פאַרשוואונדן. אַן אַנדערש מאָל קומט דער יידישער אַגענט באַלד אַ צעצאָרנטער: מען האָט געכאַפּט אויף דער סאָוועטיש־רומענישער גרענעץ דעם מיטאַרבעטער פון

מוזיי, דעם ד״ר א מ א ר א נ ט, מיט מאַטעריאַלן פון מוזיי — צי ווייס איך וואָס מיר קומט דערפאַר?

איך פאַרענטפער זיך: וואָס קען איך טאָן? וואָס בין איך שולדיק? איך האָב דאָך אפילו ניט קיין געלט אויף שלעסער פאַר די שאַפעס אין מוזיי. איך קען דאָך ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלצדינג. איך פאַרשטיי, אז ס'איז קיין תירוץ ניט, איך פאַרשטיי, אז א סאָוועטישער באַאַמטער, ארבעטער און ווער רעדט נאָך א דירעקטאָר מוז, ווייל דאָס איז איינע פון זיינע אויפגאַבעס, מעלדן וועגן אַלץ, וואו מען דאַרף. אונדז די גרינע ווערן נאָך געוויים געשענקט דערוויי גל געוויסע דורכפאַלן, אָבער מיט דער צייט וועלן מיר ווי אַלע סאָוועטישע בירגער ווערן אוים יחסנים.

אוועקפאָרן, אוועקפאָרן — דאָס איז געוואָרן מיין איינציקער באַגער.

אויב אין גאַנצן לאַנד זיינען די רעגיסטראַציעס פון די פוילישע בירגער אוועקצופאָרן קיין פוילן פאָרגעקומען גאַנץ אָפן און ס'איז ניט געווען קיין חטא זיך רעגיסטרירן אוועקצופאָרן, איז אין ווילנע אזוי ניט געווען. די סאָוועטישע טוער האָבן געקוקט דער עיקר אויף די יידן, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן צו פאָרן, מיט אומצוטרוי. ניט איין ייד איז אונטערן אויסרייד, אז מען דאַרף אים האָבן צו דער סאָוועטישער ווירטשאַפט, פאַרהאַלטן געוואָרן און... ווער ווייס וואָס ס'איז געוואָרן מיט אים.

וועלנדיק אויסמיידן אזא ניט גאָר קיין אַנגענעמע איבעררא שונג, האָב איך מיין אָפפאָר צוגעגרייט בסוד. קודם־כל האָב איך געבעטן דעם בילדונגס־מיניסטער, מען זאָל

מיך באפרייען פון מיין אמט ווי דער דירעקטאָר פון מור־
זיי. ניט לייכט איז עס מיר אָנגעקומען. כ׳האָב געדאַרפט
זאָגן פאַר וואָס, אָנגעבן געניי די סיבות. אַז איך האָב שוין
די סיבות געפונען האָט מען מיך געפרעגט, צי איך האָב
אַ פאַרטרעטער. האָב איך סוף כל סוף געפונען אַ פאַרטרע־
טער. ענדלעך, ענדלעך האָב איך באַקומען אַ באַפרייאונג,
ס׳איז מיר געוואָרן לייכטער. ווי אַ מיטגליד פון אַ סאָוועטיש
שרייבער־פאַרבאַנד, בין איך ניט געווען מחויב, ווי אַלע אַנ־
דערע בירגער, זיין צוגעפעסטיקט צו אַ באַשטימטער אַרבעט.
איך האָב דעריבער געניג צייט געהאַט זיך צוצוגרייטן צום
אָפּפאָר און האָב אויך דערווייל געטאָן אַלץ וואָס ס׳איז
מעגלעך געווען, איבערצושיקן דורך געוויסע וועגן אַ טייל
פון אונדזערע מאַטעריאַלן (וואָס מיר האָבן אָפּגעפונען אין
די געהעריקע יידישע אינסטיטוציעס) קיין אויסלאַנד.

וועט קומען אַמאָל אַ צייט און אויך אַזאַ קאַפּיטל פון
יידישער גבורה און מסירת־נפשדיקייט וועט דאַרפן געניי
געשריבן ווערן. איינס אָבער דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ס׳איז
אָפּגעטאָן געוואָרן גאָר אַ וויכטיקע אַרבעט, וואָס אַ דאַנק
דעם איז געראַטעוועט געוואָרן ניט איין וויכטיק קאַפּיטל גע־
שיכטע פון יידישן פאָלק. די וויכטיקייט פון אַזאַ אַרבעט קען
מען אויך אָפּשאַצן איצט, ווען דער יידישער מוזיי אין ווילנע,
איז, ווי ס׳זיינען דערגאַנגען צו מיר קלאַנגען, פאַרמאַכט גע־
וואָרן: אַ טייל ביכער זיינען אַריבער צום ליטווישן אוניווער־
סיטעט און די גרעסטע טייל ביכער צוזאַמען מיט אַלע מאַ־
טעריאַלן — ווער קען וויסן, וואו מען האָט זיי אַרעסטירט,
פאַרשיקט און צי מען וועט זיי נאָך אַ מאָל אָפּגעפינען.

ווען איך בין שוין געווען אויסער די גרענעצן פון ווילנע (אָנהייב 1946), אין לאָדזש, האָב איך זיך דערוואוסט פון ד״ר בוראַק (איצט אין אמעריקע), וואָס איז אויך אָנגעקומען פון ווילנע קיין לאָדזש, אַז מען האָט אים עטלעכע מאָל גע־רופן אין נקוו״ד, וואו מען האָט אים געפּאַרשט, ווי אַזוי ער איז געבליבן לעבן. (ד״ר בוראַק איז געווען אין ווילנער געטאָ.) איין מאָל האָט מען אים געפרעגט, אין וועלכע שטי־בער גייט ער אַריין. וועלנדיק ווייזן, אַז ער איז אַ געטרייער בירגער, האָט ד״ר בוראַק געזאָגט, אַז ער גייט אַריין צו קאַטשערגינסקין, וועמענס שטוב ער האָט געהאַלטן פאַר אַ שטרענג כשרער, אָבער ווי דערשטוינט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערהערט:

— אַזוי גאָר, איר גייט אויך צו קאַטשערגינסקין, וואו ס׳זאַמלען זיך אַלע נאַציאָנאַל־שאָוויניסטן?

ס׳איז פאַר מיר דעמאָלט קלאָר געוואָרן, אַז איך בין צו דער צייט אַרויסגעפאָרן, אַז מיין גורל וואָלט ניט געווען קיין אַנדערער, קיין בעסערער, ווי דער גורל פון די איבעריקע יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין ראַטן־פאַרבאַנד.

לינקס...

און ווי ביים אָנהייב פון דער אַרבעט, זאָל מיר דער־לויבט זיין אויך ביים סוף פונאַנדערצוגלידערן נאָך אַ וואָרט, וואָס האָט אין דער אָקופּאַציע באַקומען גאָר אַן אַנדער באַטייט.

דאָס מאָל נעמט אים דאָס וואָרט לינקס.

אין דער פשוטער מענטשלעכער שפּראַך האָט מען ווען

ערשטע ריי פון רעכטס: ש. קאַטשערגינסקי, משה גראָסמאַן, לעאָן פינקעלשטיין ז״ל, אפרים קאַגאַנאָווסקי, א. סוצקעווער, י. אַשענדאָרף, א. זאַק. צווייטע ריי: א. וואַל, מ. קנאַפּהייס, ח. ל. פוקס, יוסף רובינשטיין, ב. קוטשער, וו. יאַסני, ל. אָליצקי, י. יאַנאָסקאָוויטש, י. שפּיגעל. דריטע ריי: מ. וואַלדמאַן, פּ. בינעצקי, וו. איוואַן, ש. פלאַסטיק, א. גוטערמאַן, נ. בליץ. בלויז פינף זיינען נאָך פאַראַן אין פוילן, איינער (א. וואַל) איז דאָרט אַרעסטירט.

א מענטש וואָס האָט סאָציאַליסטישע איבערצייגונגען גע־
זאָגט: „דער מענטש גייט אויף ל י נ ק ס, אָדער ער
האָט ל י נ ק ע איבערצייגונגען".

גייט שוין א פּאָר צענדליק יאָר א מחלוקה צווישן די
קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, וועמען קומט די בכורה צו
אָט דער באַצייכענונג. אין דעם פאַל האָבן אָבער די קאָ־
מוניסטן געזיגט. אויב מען זאָגט ערגעץ א שטייגער „אברהם
איז א לינקער", אָדער „שרה גראַוויטירט אויף לינקס", איז
קלאָר, אַז די אַנגערופענע זיינען קאָמוניסטן אָדער סימפּאַ־
טיקער פון אָט דער ריכטונג.

אין דער צייט פון דער אָקופּאַציע האָט אָבער דאָס
וואָרט אָנגעוואָרפן א שוידער און א שרעק אויף די אָקופּיר־
טע, דער עיקר, פאַרשטייט זיך, אויף יידן.

אין די געטאָס און לאַגערן פלעגן די נאַציס אָפט דורכ־
פירן סעלעקציעס. דאָס איז באַשטאַנען אין אויפקלייבן די
גאַנצע באַפעלקערונג אויף איין פּלאַץ און דערנאָך זיי צע־
טיילן אויף ל י נ ק ס און ר ע כ ט ס.

האָט מען שוין געוואוסט, אַז די וועלכע זיינען אָפּגע־
שיקט געוואָרן צו גיין אויף ר ע כ ט ס וועלן בלייבן
(יעדנפאַלס דערווייל) לעבן. אָבער וויי איז צו די, וועלכע
זיינען אָפּגעשיקט געוואָרן אויף ל י נ ק ס. זייער גורל
איז געווען גלייך א קלאָרער: א ו מ ק ו ם.

וועט איר הערן פון געראַטעוועטע יידן פון די אָקופּאַ־
ציע־לענדער, ווען זיי דערציילן אייך וועגן אומגעקומענע:

— רחל מיט די קינדער זיינען אַוועק אויף לינקס.

— דעם פּראָפעסאָר חפץ האָט מען געשיקט אויף לינקס.

מער ניט. איר וועט שוין ניט איבערפרעגן, וואָס דאָס באַטייט. איר וועט פאַרשטיין, אַז די אָנגערופענע זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן צום אומקום.

איך גלייב, אַז דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויך וועגן די האַלב סאָוועטיזירטע „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס". רומעניע, אונגאַרן און טשעכאָסלאָוואַקיע האָבן אפילו ניט געלאָזט וואַרטן קיין דריי צענדליק יאָר, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן דער ראַטן־פאַרבאַנד, ביז וואַנען די יידישע קולטור־אינסטי־טוציעס און אירע שעפער זיינען אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף לינקס. די אָ „פאָלקס־דעמאָקראַטיעס" האָבן אונדז פאַר־משפט גלייך פון אָנהייב.

דאַרף מען נאָך ברענגען ראיות דערצו? קיינער, אפילו די קאָמוניסטן, וועלן ניט וואַגן איצט צו זאָגן, אַז נאָר אין אַ סאָוועטישער אָרדענונג קען בליען די יידישע קולטור. אויב זאָגן יאָ, קען מען זאָגן פונקט דאָס פאַרקערטע.

ל י נ ק ס...

ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין, נאָר ווען איך גיב איצט אַ טראַכט וועגן אונטערגאַנג פון יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, קומען זיך ביי מיר דיביידע באַטייטן פון וואָרט „לינקס" צונויף.

איך ווייס אויפן סמך פון דעם, וואָס איך האָב געזען און דורכגעלעבט, און אויפן סמך פון דעם מצב פון דער יידישער קולטור אין די אַזוי גערופענע „פאָלקס־דעמאָקראַ־טיעס", אַז דאָרט וואו עס הערשט די ל י נ ק ע ריכטונג, ד. ה. די קאָמוניסטישע, גייט די יידישע קולטור אַוועק אויף

לינקס — אזוי ווי דאָס האָט פאַרשטאַנען דער נאַצי: צום אומקום, צום טויט, צום אונטערגאַנג.

פּאַמעלעכער, כאָטש מיט אַ נעגוג גיכן גאַנג, גייט עס אויך אין פּוילן.

איך בין דאָרט געווען אַ גאַנץ יאָר צייט (1946) און האָב זיך גוט צוגעקוקט צו דער פירונג פון די קאָמוניסטן אויף דעם יידישן קולטור־געביט. איך האָב געזען, אַז אין אַזאַ סיסטעם קען די יידישע קולטור קיין אַנדערע דאָליע ניט האָבן.

צי זיינען שולדיק אין דעם, ווי אַנדערע מיינען, נאָר די יידישע קאָמוניסטן?

ניין. אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז ניטאָ קיין שום ענין — אפילו ווען דאָס איז אַן ענין וואָס האָט צו טאָן בלויז מיט יידן — וואָס מען זאָל איבערגעבן צו באַטראַכטן, באַשליסן און אויספירן אין רשות פון די יידישע קאָמוניסטן. אַלץ ווערט באַשלאָסן דורך דער צענטראַלער פּאַרטיי־אָנפירונג אין יעדן פון די לענדער (וואָס באַקומט פאַרשטענדלעך דירעקטיוון פון סאַמע צענטער — פון מאָס־קווע).

עס זיינען געווען און עס זיינען פאַראַן ווייניק יידישע קאָמוניסטן, וועלכע זאָלן מיטן גאַנצן האַרצן זיין צופרידן מיט דער פּאָליטיק, וואָס זייער פּאַרטיי דיקטירט לגבי דעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. די וועלכע האָבן די אומצופרי־דנקייט גאַנץ אָדער האַלב אַרויסגעוויזן, זיינען פאַרשטייט זיך אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף לינקס; די וועלכע האָבן

ניט געהאַט די דרייסטקייט אָפענער אַרויסצוווייזן זייער אומצופרידנקייט זיינען אין דער אַרבעט „באַמערקט" גע־וואָרן און זיי זיינען „אַוועק אויף לינקס". האַלטן זיך נאָך דערווייל די, וועלכע קענען מער־ווייניקער לאַווירן און די, וועלכע זיינען בלויז יידן לויטן אָפשטאַם און די דירעקטיוון וואָס זיי באַקומען, פירן זיי אויס געטריי לגבי יידן, ווי דאָס וואָלטן געווען דירעקטיוון, לאָמיר זאָגן, וועגן באַ־קעמפן די קולאַקעס, סאָציאַליסטן, אָדער אַנדערע קעגנער.

מענטשן פון דער מערב־וועלט זיינען צוגעוואוינט אַרונ־טערצונעמען אונטער איין דאַך אַלע קאָמוניסטן, אָדער אַלע אומפּאַרטייאישע טוערס, וועלכע געפינען זיך אונטער זייער רעגירונגס־סיסטעם. אָבער די וועלט וואָלט אויפגעשוידערט, דערוויסנדיק זיך וויפל טראַגעדיעס עס קומען פאָר סיי צווישן די קאָמוניסטן און נאָך מער צווישן די אומפּאַרטיי־אישע. טראַגעדיעס פון טאָן אַנדערש, ווי עס זאָגן די אייגענע איבערצייגונגען; טראַגעדיעס, אין אונדזער פאַל, פון צוקוקן זיך, ווי עס ווערט חרוב די יידישע קולטור; טראַגעדיעס — וואָס אין אויסלאַנד מיינט מען, אַז די יידישע קולטור ב ל י ט, אָדער, אויב מען ווייס שוין וועגן חורבן, פאַר־שווייגט מען עס אכזריותדיק זיי, די געפאַנגענע, קענען דאָך ניט שרייען, שוין אָפגערעדט פון עפּעס טאָן. די וואָס האָבן געטאָן זיינען דאָך אָן רחמנות, ווער דאָס זאָל ניט זיין, אַוועקגעשיקט געוואָרן אויף לינקס.

אָבער וואָס קען מען האָבן צו די געפאַנגענע, ווען עס געפינען זיך נאָך, צו אונדזער חרפּה, ברייטע שיכטן אין דער יידישער געזעלשאַפט וואָס פּ אַ ר ט יי ד י ק ן, אָדער

אין בעסטן פאַל, וואָס פ אַ ר ש וו יי ג ן אַט די סיסטעם, וואָס ברענגט חורבן יידישקייט.

יידן אין דער פרייער וועלט, די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, מ ו ז זיך פאַרטראַכטן וועגן אַננעמען מעגלעכע מיטלען, כדי צו דעמאַסקירן פאַר דער וועלט, און ק ו ד ם - כ ל פאַר די יידן אַליין, אַט די שוידערלעכע ליקווידאַציע פון יידישע ישובים. עס מוז געשאַפן ווערן אַ גרענעץ קעגן די י ע נ י ק ע, וועלכע פאַרטיידיקן די מחבלים. זיי מוזן געשטעלט ווערן אויסער די ראַמען פון יידישן לעבן (כאָטש זיי פאַרקליידן זיך אָפט מיט יידישע אותיות), אַזוי ווי עס זיינען געשטעלט געוואָרן נאַטירלעכערהייט אויסער די ראַמען פון יידישן לעבן די מיסיאָנערן פון פאַרשידענע רעליגיעס(וועלכע קומען דאָך אויך מיט דער הילף פון יידישן אלף־בית אונדז ברענגען זייער גאולה).

עס איז מיר ניט אַרויס פון געדאַנק איינער פון די לעצטע גייסטרייכע פובליציסטישע אַרבעטן פון מ נ ח ם ב אָ ר יי ש אָ ע"ה, געווידמעט דער יידישער קולטור אין רומעניע, וואָס דאָס מיינט אוודאי אויך די יידישע קולטור אין ראַטן־פאַרבאַנד און אין די אַנדערע „פאָלקס־דעמאָקראַטישע" מדינות.

איך ציטיר לויטן ניו־יאָרקער „טאָג" פון 27טן נאָוועמבער 1948. אונדזער גרויסער דיכטער ענדיקט זיין אַרטיקל:

„זיינען דאָ מחנות „יידן", קאָמוניסטן ווי ניט קאָמוניסטן, אין רוסלאַנד און רומעניע ווי אין אַמעריקע, וואָס באַטראַכטן זיך אַליין פאַר וועלטבירגער און זייער יידישקייט פאַר אַן אַנשיקעניש. איז פאַר זיי אַלץ וואָס פירט צו

דער פאַרשווינדונג פון יידישקייט אַ שריט צו גאולה, און די אויסראָטונג פון יעדער מין יידישקייט, מיט וואָס פאַר אַ ברוטאַלע מיטלען עס זאָל ניט דורכגעפירט ווערן, איז במילא „פּראָגרעסיוו". אָבער יידן וואָס לעכצן ניט צו באַ־גיין נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד מוזן זיך דערמאָנען, אַז אין אונדזער גאַנצער געשיכטע האָבן מיר די מערדער פון אונדזער נשמה באַטראַכט פאַר ניט קלענערע שונאי־ישראל ווי די מערדער פון אונדזער גוף. און עס מוז אויפקומען אַ געדאַנק, צי האָבן מיר ניט דאָ צו טאָן מיט אַ נייעם אַנטיסעמיטיזם, וואָס וויל זיך אַליין ניט אַנערקענען פאַר אַזעלכן און איז דאָך ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַנטיסעמיטיזם. און אפשר איז ער גאָרניט אַזוי ניי. אַנטיוכוס האָט אויך געוואָלט יידן גוטס טאָן מיט דעם וואָס ער זאָל זיי באַקערן צו זיין גאָט. און די רוימישע קיסרים האָבן אויך געוואָלט דאָס זעלביקע. און די קאַטוילישע אינקוויזיציע — וואָס אַנדערש האָט זי געוואָלט ווי ראַטעווען יידן?

דער פאַרגלייך קוקט אויס משונהדיק אין דער ערשטער מינוט, אָבער אפשר איז עס גאָרניט אַזוי משונהדיק. לאָמיר אַ טראַכט טאָן".

געשריבן זיינען די ווערטער אין 1948. דאָס 1949סטע יאָר האָט ליידער דעם פּראָגנאָז פון פאַרשטאָרבענעם דיכ־טער נ א ך מער באַקרעפטיקט דורך די לעצטע מעשים פון דער סאָוועטישער רעגירונג.

ס׳ א י ז מ ש ו נ ה ד י ק — א ו ן ק ל אָ ר.

עס איז געקומען אַ צייט, ווען יידן, אָפּגעראַטעוועטע פון לענדער אָקופּירטע פון נאַצים, זיינען לסוף געקומען צו די

יידן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די פרייע לענדער, מיטן יאָמער־געשריי:

— וואָס האָט איר געטאָן, ווען מען האָט אונדז פאַר־שפּאַרטע, צעפּייניקטע, געמאָרדעט און געשענדעט?

די יידן אין די פרייע לענדער האָבן נאָך זייער ענטפער ניט געגעבן. זיי וועלן אים אָבער מוזן ווען עס איז געבן

זאָלן דעריבער די יידן אין די פרייע לענדער ניט וואַרטן ביז צו דער צייט, ווען עס וועלן קומען אַ נ ד ע ר ע באַ־פרייטע יידן, שוין ניט פון נאַציזם באַפרייטע, און וועלן יאָמערן מיטן זעלבן געשריי:

— וואָס האָט איר געטאָן, ווען מען האָט אונדז פאַר־שפּאַרט אין תפיסה און אין לאַגערן? ווען צענדליקער טוי־זנטער זיינען דאָרט אומגעקומען, און בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן געטרוימט וועגן אַ גערעכטן אויסלייז פאַרן יידישן פאָלק? בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן ניט געוואָלט לאָזן אונטערגיין דאָס יידישע וואָרט? בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן מיט אונדזערע קינדער געוואָלט לערנען דעם אלף־בית? וו אָ ס ה אָ ט א י ר ג ע ט אָ ן?

און אויב איר האָט טאַקע באמת גאָרניט געטאָן, טאָ גערענקט, דער גורל וועט זיך אין אייך נוקם זיין!

יידישע שרייבערס אומגעקומענע און פֿאַרשיקטע אין די סאָוועטישע תּפֿיסות און לאַגערן.

פּרץ מאַרקיש

איציק פֿעפֿער

.... און די שטאָט פּערעיאסלאוו, אין סאָוועטן־אוקראינע, ווו עס איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער שרייבער שלום עליכם, איז לויט אַ דעקרעט פֿון דער סאָוועטישער רעגי־רונג אָנגערופֿן געוואָרן אויפֿן נאָמען פֿון גרויסן מערדער באָגדאַן כמעלניצקי...
(פֿון די צייטונגען אין 1942)

און אין דער סאָוועטישער זאָנע אין דייטשלאַנד ווערן אָפּגע־שטעלט אַלע פּראָצעסן קעגן געוועזענע מיטגלידער פֿון דער נאַצי־פּאַרטיי, איינגעשלאָסן אפילו די געשטאַפּאָ־בעסטיעס, וועלכע האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם מאָרד פֿון הונדערטער טויזנטער יידן.
(פֿון די צייטונגען אין 1950)

מאַקס עריק

לייב קוויטקאָ

פון זעלבן מחבר ביז איצט דערשינען:

אונדזער געזאַנג — אַרויסגעבער: צענטראַל־קאָמיטעט פון די ייִדן אין פוילן. וואַרשע, 1947. (זאַמלונג פון פאַרשיידענע לי־דער מיט נאָטן. מוז׳ רעדאַקציע — לעאָן וויינער, 224 זייטן).

דאָס געזאַנג פון ווילנער געטאָ — אַרויסגעבער: פאַרבאַנד פון די ווילנער ייִדן אין פראַנקרייך. פּאַריז 1947 (זאַמלונג פון 37 לידער מיט נאָטן פון ווילנער געטאָ. צייכענונגען — מ. באַ־העלפער, הקדמה און דערקלערונגען, 52 זייטן אַלבום־פאָרמאַט.)

חורבן ווילנע — אַרויסגעבער: פאַראייניקטער ווילנער הילפס־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, ניו־יאָרק, 1947 (אומקום פון די וויל־נער ייִדן און פון ווילנער געגנט. הקדמות פון ד״ר מאַקס וויינרייך און אַרויסגעבער, בילדער, 342 זייטן).

פּאַרטיזאַנער גייען... — אַרויסגעבער: צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1947, (דערציי־לונגען פון ייִדישן פּאַרטיזאַנער־לעבן, בילדער, 164 זייטן).

פּאַרטיזאַנער גייען!... — צווייטע אויפלאַגע, אַרויסגעבער: מפקדה הראשית פון דער הסתדרות פרטיזנים־חילים־חלוצים פח״ח אין דייטשלאַנד, מינכען, 1948, בילדער. 174 זייטן.

לידער פון די געטאָס און לאַגערן — אַרויסגעבער: אַלוועלטלע־כער ייִדישער קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1948, (זאַמלונג פון 236 לידער און נאָטן פון פאַרשיידענע געטאָס, לאַגערן און וועלדער. בילדער. רעדאַגירט און הקדמה פון ה. לייוויק. מוז׳

רעדאַקציע — מ. געלבאַרט, באַמערקונגען און דערקלערונגען, 435 זייטן).

צווישן האַמער און סערפּ — **אַרויסגעבער: אַ גרופּע פריינט פון ווילנע. פּאַריז 1949, (צו דער געשיכטע פון דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן־רוסלאַנד, 96 זייטן קליין פאָרמאַט).**

צווישן האַמער און סערפּ — **צווייטע אויפלאַגע. אַרויסגעבער: פאַרלאַג** דער אמת, **בוענאָס איירעס 1950. בילדער, 128 זייטן.**

געטאָ־ און ישראל־לידער — **אַרויסגעבער: אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס, 1950. (7 לידער מיט נאָטן, 24 זייטן).**

Tall. Gráficos de Zlotopioro Hnos.
Gascón 1231

Sz. KACZERGINSKI

ENTRE
EL MARTILLO
Y
LA HOZ

(Para la historia de la liquidación
de la cultura judía en la
Rusia Soviética)

Segunda edición

Editorial
"LA VERDAD"

Buenos Aires, 1950
Año del Libertador General San Martín